**הלכה: ספינה המטורפת בים, עיר שהקיפה נהר, יחיד הנרדף**

**דברי הרמב"ם:**

**„וכן כל דבר שיש בו סכנת נפשות — ספינה המטורפת בים, או עיר שהקיפה נהר — מצוה לחלל עליה את השבת ולהצילם בכל דבר שיכול להצילם. ואפילו יחיד הנרדף מפני הגוים או מפני רודף אחריו להרגו — מצוה להצילו אפילו בכמה מלאכות בשבת."**

**פשט:**

נישט נאָר מלחמה — אויך נאַטורליכע סכנות (שטורעם, פאַרפלייצונג) און אפילו אַ יחיד וואָס ווערט נרדף — מעג מען מחלל שבת זיין צו ראַטעווען.

---

**הלכה: זועקין ומתחננין בשבת — אָבער נישט אויף דבר (מגיפה)**

**דברי הרמב"ם:**

**„וזועקין עליהם ומתחננין בשבת, ומתריעין עליהם לעזור אותם. ואין מתחננין ולא זועקין על הדבר בשבת."**

**פשט:**

ביי אַן אַקוטע סכנה מעג מען שרייען, דאַוונען, און בלאָזן (מתריעין) אין שבת. אָבער ביי אַ מגיפה (דבר) — טוט מען עס נישט אין שבת.

**חידושים:**

1. **חילוק צווישן „מתריעין" און „זועקין":** „מתריעין" מיינט בלאָזן שופר אָדער מודיע זיין דעם עולם צו קומען העלפן — דאָס איז אַ פּראַקטישע זאַך (ווי היינט'ס הצלה סירענען). „זועקין ומתחננין" איז תפילה. ביידע זענען מותר ביי אַן אַקוטע סכנה.

2. **דאָס בלאָזן דאָ איז נישט בלאָזן לתפילה** (ווי ביי תענית), נאָר בלאָזן כדי צוזאַמצוברענגען דעם עולם צו העלפן — אַ פּראַקטישע מלאכה.

3. **פאַרוואָס נישט ביי דבר (מגיפה)?** ביי אַ מגיפה שטאַרבט מען נישט „דעי סעקונדע" — ס'איז נישט אַקוט. מ'קען מאַכן אַ עצרת תפילה זונטאָג אָדער מאָנטאָג. **נאָר וואָס איז „אַקוט" — ווי אַ גוי שטייט ממש אינדרויסן — דאַוונט מען אפילו שבת.**

4. **אַן אַנדערע הסבר:** אפשר איז דער „זועקין ומתחננין" אַליין אַ הכנה צו „מתריעין" — מ'וויל דער עולם זאָל עס נעמען ערנסט גענוג צו קומען העלפן. ביי אַ מגיפה, וואו ס'איז נישט נוגע אַז מענטשן זאָלן פיזיש העלפן, איז נישטאָ דער צורך.

5. **שיינע קשיא:** קענסט דאָך מעורר זיין רחמי שמים דורך היטן שבת? זאָגן „רבונו של עולם, איך דערמאָן נישט די צרה, העלף אידן אין זכות פון שבת" — דאָס איז אויך אַ מהלך אין תפילה. ביי אַ מגיפה איז דאָס דער ריכטיגער וועג — נישט צו שרייען בשבת, נאָר צו דאַוונען אויף אַן אַנדער אופן.

---

**הלכה: צרים על עיירות של גוים — מלחמה בשבת**

**דברי הרמב"ם (שבת פרק ב' / הלכות מלכים):**

**„צרים על עיירות של גוים שלשה ימים קודם לשבת... ומפי השמועה למדו שעושין מלחמה אפילו בשבת... אפילו מלחמת הרשות."**

**פשט:**

מ'טאָר נישט אָנהייבן אַ באַלאַגערונג אויף אַ גוי'אישע שטאָט ווייניגער ווי דריי טעג פאַר שבת. אָבער ווען מ'האָט שוין אָנגעהויבן דריי טעג פריער, פירט מען ווייטער די מלחמה אפילו בשבת, ביז מ'האָט אייגעגנומען די שטאָט — אפילו ביי אַ מלחמת רשות.

**חידושים:**

1. **דער חילוק צווישן פריערדיגע הלכות און דאָ:** די פריערדיגע הלכות רעדן פון אַ סיטואַציע וואו מ'האָט נישט קיין ברירה — דער גוי קומט. דאָ רעדט מען פון אַ מלחמה „by choice" — דער מלך ישראל באַשליסט צו מאַכן אַ מלחמה.

2. **דער טעם פון „שלשה ימים קודם לשבת" — נישט וועגן חילול שבת, נאָר „מפני הבהלה":** חילול שבת מעג מען יאָ ביי מלחמה. דער טעם איז „מפני הבהלה" — ווייל די ערשטע פאָר טעג פון אַ מלחמה זענען זייער טריד (טומלדיג, הקטיש). עס פּאַסט נישט אַז שבת זאָל זיין אַזוי טריד. אויב מ'קען, דאַרף מען מאַכן אַז שבת זאָל זיין אַביסל שבת'דיג — אַביסל מנוחה, אפילו אין אַ מלחמה-סיטואַציע.

3. **דער פשט אין „מפני הבהלה" — נישט וועגן שלעכטע מלחמה, נאָר וועגן כבוד שבת:** ווערט אויסגעשלאָסן דער פשט אַז דער טעם איז כדי זיי זאָלן טאָן אַ „גוטע מלחמה" (אַז זיי זאָלן נישט זיין צעטומלט פון שבת-גדאַנקען). דער אמת'ער פשט: מ'וויל אַז די חיילים זאָלן האָבן אַביסל מנוחה אויף שבת.

4. **דער מקור — הלכה למשה מסיני, אַרויסגעלערנט פון כיבוש יריחו:** דער פסוק זאָגט „וביום השביעי תסובו את העיר שבע פעמים" — דער זיבעטער טאָג מיט'ן בלאָזן שופרות איז געווען שבת. פון דעם זעט מען אַז מלחמה איז דוחה שבת.

5. **אַ פשוט'ע סברא פאַרוואָס מלחמה איז דוחה שבת:** ווען די אידן האָבן געקעמפּט ביי יריחו אויף שבת, האָבן אַלע גוים געוואוסט אַז שבת קען זיי נישט אָפּהאַלטן. דאָס אַליין איז אַ סיבה — אַז אויב שבת קען זיי נישט שטערן, קענען זיי פירן די וועלט.

---

**[Digression: תפילה אויף שבת פאַר אַ צרה — סוף-נאָטיץ]**

ווערט מחלק געווען צווישן זאַכן וואָס העלפן מענטשן'ס „awareness" (אויפוועקן דעם עולם, בלאָזן אַלאַרמס, אַנאָנסן אַ יום תפילה) — דאָס מעג מען אפילו שבת, ווייל עס איז נוגע צו מענטשן'ס פּראַקטישע הילף. אָבער עפּעס וואָס ליגט נישט אין מענטשן'ס הענט — נאָר מעורר זיין רחמי שמים — קען מען טאָן מוצאי שבת, ווייל מ'קען דאָך אויך שבת מתפלל זיין אויף אַן אַנדער אופן („רבונו של עולם, העלף אידן אין זכות פון שבת") אָן צו דערמאָנען די צרה בפירוש.

## תמלול מלא

### הלכות שבת פרק ב': סכנת נפשות בשבת

**הקדמה לפרק**

א גוטן.

אונז לערנען אין רמב"ם, הלכות ספר זמנים, הלכות שבת. אונז גייען לערנען די צווייטע פרק, פרק ב'. די ערשטע פאר פרקים רעדט דער רמב"ם הלכות כלליות, נאך פאר ער גייט אריין אין די פרטים פון געוויסע מלאכות, רעדט ער הלכות כלליות אויף שבת. למשל, די פאריגע פרק האט ער גערעדט פארשידענע זאכן וועגן כוונה, אז שבת דארף זיין מלאכת מחשבת אסרה תורה. און אין די פרק גייט אונז דער רמב"ם פארציילן די כלל פון חולה, אז חולה, פיקוח נפש דוחה שבת, און ער גייט אריינגיין אין פארשידענע כללים און פרטים, מיין איך, פון חולים.

פאר אונז גייען צו די עקטשועל שיעור, דארף מען באדאנקען די נדבי השיעור, בראש ובראשונה דער גרויסער תומך און פטרון פון אונזער שיעור,

הרב החסיד הנגיד ר' יואל וועצבערגער, וואס העלפט ארויס אז מ'זאל קענען לערנען תורה, און מ'וועט אים יאמרו לו "וחיים יעשו". זייער גוט.

**הלכה א: שבת נדחה מפני סכנת נפשות כשאר כל המצוות**

סאו, אונז גייען מיר לערנען די אנהייב. לאמיר אנהייבן. זאגט דער רמב"ם, **"תדחה היא שבת אצל סכנת נפשות כשאר כל המצוות"**. שבת ווערט אויך נדחה ווען ס'איז א מצב פון סכנת נפשות, אזוי ווי אלע אנדערע מצוות.

דער רמב"ם האט אונז שוין אויסגעלערנט אין ספר המדע אז נאר אויף דריי מצוות דארף מען זיך מוסר נפש זיין, אבער אלע אנדערע מצוות דארף מען זיך נישט מוסר נפש זיין. זאגט דער רמב"ם, אז שבת איז אויכעט אזוי ווי אלע אנדערע מצוות.

**פארוואס דארף דער רמב"ם דאס אויסדריקלעך זאגן ביי שבת?**

ס'קען זיין אז ס'איז א הוה אמינא, ווייל אין סוף הלכות שבת זאגט דער רמב"ם אז שבת און עבודה זרה זענען די צוויי הארבע מצוות. יא, אין סוף הלכות שבת, שבת און עבודה זרה. און מיר ווייסן קלאר אז ס'איז טאקע דא א געוויסע דמיון צווישן שבת און עבודה זרה, וויילביידע האבן צו טון מיט אמונה, ביידע האבן צו טון מיט עיקרי הדת.

אבער ס'מיינט נישט להלכה אז שבת זאל זיין אזוי ווי עבודה זרה לענין יהרג ואל יעבור, נאר אזוי ווי אלע אנדערע מצוות. יא, ס'קען זיין דאס איז די כוונה. מילא, איך זאג נאר. ווייל ער זאגט עס נישט ביי יעדע מצוה. יעדע מצוה ווייסן מיר דאך שוין די כלל פון ספר המדע.

אבער על כל פנים, וואס ער זאגט אונז, ווייל ער וויל אריינגיין שפעטער אין אלע פרטי הדברים, די חז"ל האבן נישט נאר געגעבן די כלל. אונז האבן מיר גערעדט אביסל אזא רמז, פארוואס טאקע? פארוואס זאלן נישט די חז"ל זאגן די כלל און האבן די פרט, זאל שוין יעדער איינער געהארכט ווערן פון זיין דאקטער? אבער ס'איז נישט אזוי. די חז"ל האבן אונז אויך געגעבן די פרטים, וועלכע מיני מאכלים הייסט פיקוח נפש וכדומה. יא? ניין. אבער לאמיר טרייען צו באחן אביסל בעסער.

**דער ציון צו הלכות יסודי התורה**

דאס וואס שטייט דא "כשאר כל המצוות" קען זיין אז ס'איז ווי א ציון. לאמיר געדענקען, אין הלכות יסודי התורה פרק ה' איז געשטאנען הלכות קידוש השם, נישט הלכות דחיית המצוה מפני סכנת נפשות, עכ"פ דאס איז נישט געווען די עיקר נושא דארט. די נושא דארט איז געווען א מצוה וואס הייסט קידוש השם, און דארט איז געשטאנען כללי הלכות קידוש השם.

אז כל המצוות שבתורה, אויב ס'קומט א גוי און ער איז מענה איז יעבור ואל יהרג, און די רמב"ם האט געהאלטן גאר famously אז אפילו אם עבר הרגוהו איז חייב בנפשו, חוץ פון די דריי וואס מ'האט דערמאנט, אז דעמאלטס איז דא א מצוה פון קידוש השם, אן עקסטערע מצוה אז יהרג ואל יעבור.

און דארט האבן מיר געשטאנען דארט אז פונקט אזוויי ס'איז די דין באונסין, כשם שאמרו באונסין אז א גוי וויל צווינגען א איד צו טון אן עבירה, אז אויף די גאנצע תורה פאלגט ער די גוי חוץ פון די דריי מצוות, איז אויך די דין בחלאים, אז באים להתרפא, אויב מ'דארף זיך אויסהיילן מיט אן עבירה איז מתרפאין מיט עני עבירה חוץ פון עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכות דמים.

סא, דאס אז כל המצוות, שאר כל המצוות זענען נדחה מפני סכנת נפשות, דאס איז אמת'דיג מער די צווייטע הלכה וואס שטייט דארט, נישט די עיקר הלכה פון קידוש השם. אן הלכה וואס קומט דארט אריין כמעט בדרך אגב, אז טאמער ס'איז דא א סכנה און אן עבירה קען ראטעווען א איד פון די סכנה, איז די כלל אז אלע מצוות זענען נדחה חוץ פון די פאר מצוות. דאס איז די כלל וואס אונז האבן מיר שוין געלערנט בעצם אין הלכות יסודי התורה.

**די פרק רעדט פון פארשידענע לעוועלס פון סכנת נפשות**

יעצט, מ'דארף פארשטיין אז דא גייט מען לערנען אסאך מער פרטים אין די הלכה, און ס'איז נישט נאר אזוי ווי פרטים פון די כלל אז מצוות שבת איז נדחה מפני סכנת נפשות, ווען ס'איז סכנת נפשות. דא רעדט מען אויך פון אסאך אנדערע לעוועלס, אויך הלכה'דיגע לעוועלס, נישט נאר פראקטיש.

אויב ס'וואלט געווען אלעס פראקטיש, וואלט מען נישט געדארפט קיין הלכות. ס'איז דא אפאר הלכות דא וואס זענען אפשר ממש זייער פראקטיש, אז דאס הייסט א מחלה, דאס הייסט א סכנה, וכדומה. אקעי, ס'איז אפשר דאקטעריי בעצם. אבער באופן כללי, די סטרוקטור פון די פרק איז אז ס'זענען דא לעוועלס פון סכנת נפשות.

אין אנדערע ווערטער, לאמיר מאכן אביסל קלארער: אויב ס'קומט א גוי און זאגט פאר א איד, "טאמער ביסטו מחלל שבת" - נישט קיין חילוק וועלכע חילול שבת - "זיי מחלל שבת, טאמער נישט הרג'ע איך דיך", אויף דעם דארף מען נישט די גאנצע פרק. דאס איז פשוט אז ס'איז נדחה, אזוי ווי אלע מצוות. דא רעדט מען אביסל אנדערש, און מ'וועט זען אין אסאך אנדערע וועגן אנדערש.

קודם כל, מ'רעדט פון איינער וואס איז קראנק, און כדי אים אויסצוהיילן דארף מען טון עפעס א חילול שבת. אסאך מאל איז דאס נישט אזוי סימפל - ווי קראנק איז ער? ווי שטארק גייט ער שטארבן?

מיר זעט אויס, באופן כללי, די מיין כלל פון די זאכן איז אז די אלע הלכות פון די פרק זענען אביסל וויניגער פון, לאמיר עס רופן, די קלאסישע "ייהרג ואל יעבור" ממש. אין אנדערע ווערטער, ווען ס'איז א שאלה אז אויב מ'טוט נישט דאס שטארבט מען, דארף מען נישט די גאנצע פרק. דאס איז פשוט, למטה מכל ספק. אבער די פרק רעדט פון אסאך וויניגערע זאכן.

**פיקוח נפש איז נישט די זעלבע ווי סכנת נפשות**

למשל, מענטשן אסאך מאל זאגן "פיקוח נפש". מ'וועט זען שפעטער אין די פרק, פיקוח נפש איז נישט די זעלבע ווי סכנת נפשות. פיקוח נפש איז דאס אז סתם מ'זעט א איד אין א סכנה, ס'איז ארויפגעפאלן א בנין, און מ'דארף אויפהייבן די גאנצע בנין. איז מען מפקח, יא? מפקח איז מלשון... וואס איז די טייטש פון מפקח? טשעקן, אדער... מפקח איז א גל, יא? דו זאגסט אזוי ווי ס'מיינט די עקטשועל אויפהייבן די שטיינער. דו דארפסט וויסן וואס דו האלטסט מיט די ווארט, ס'איז נישט קיין אלץ פיקוח. אבער ס'שטייט "פיקוח נפשות".

על כל פנים, די ארבעט פון די הצלה ארבעט, רייט? דאס איז נישט סכנת נפשות. ס'איז גראדע אמת, אויב מ'וועט נישט טון די ארבעט, וועט א איד שטארבן און ס'וועט זיין א סכנה. אבער ס'איז אפאר לעוועלס.

פארשטייט זיך, ס'קען זיין אז מ'וואלט נישט געשטאנען אין די הלכה, מ'וואלט נישט געוואוסט די גרעסערע היתרים, אז מ'מעג למשל אויסהיילן א חולה בשעת'ן עסן.

**חולה שיש בו סכנה - מ'נעמט קעיר פון אים, נישט נאר מ'ראטעוועט אים פון טויט**

יא, אבער אפילו בכלל אז מ'מעג אויסהיילן א איד. מ'רעדט נישט קיינמאל, כמעט קיינמאל רעדט מען נישט אז אויב מ'וועט נישט געבן די אספירין די מינוט וועט דער חולה שטארבן. אפילו ווען ס'שטייט א חולה שיש בו סכנה, מיינט נישט אז מ'טאר נאר טון פאר אים זאכן וואס אויב נישט שטארבט ער.

ס'מיינט אז מ'נעמט קעיר פון אים ביז ער ווערט געזונט, וואס דאס אינקלודעד אלע חלקי הרפואה, מיט זייערע אפשר געוויסע כללים וועגן דעם. אבער ס'איז מער א חידוש ווי סתם צו זאגן אז סכנת נפשות איז דוחה שבת. פארשטייסט וואס איך זאג?

**דיסקוסיע: פארוואס איז דא מער פרטים ביי שבת ווי ביי אנדערע מצוות?**

איך פארשטיי, אבער איך זאג, לגבי אנדערע מצוות קענסטו אויך מאכן, למשל נבילה, קענסטו אויך אריינגיין אין דיטעלס וועלכע מיני נבילה מעג מען אוועקנעמען פון א חולה, וועלכע מין סכנה. מ'טוט עס אבער נישט, אויף וויפיל איך געדענק. איך מיין אז ס'איז דא פשוט א הלכה בכל מתרפאין, אדער ווייטער.

איך מיין צו זאגן, איינמאל מ'זאגט די הלכה פיקוח נפש דוחה שבת, מוז מיטקומען אויך די פרטים פון וואו ווייסט מען? וואס טוט זיך ווען ס'איז ספק? וואס טוט זיך ווען ס'איז ספק ספיקא? אדער וואס טוט זיך ווען די זאך אפשר וועט העלפן דעם מענטש, אפשר נישט? דאס שלעפט זיך אויטאמאטיש אריין אין די הלכות וואס שטייען דא.

דאס הייסט, דאס איז נישט די עיקר פון די הלכות, דאס איז צו וויסן פראקטיש. דאס איז גראדע, דאס שטייט נאך יום כיפור, וואס איז געווען? איך מיין אז נאך הלכות סידור איז אויך דא געוויסע כללים, הקל הקל תחילה, אזעלכע כללים, הלכה'דיגע כללים, למדנ'ישע כללים.

אבער איך מיין אז די חידוש דא איז אז מ'רעדט דא פון גרעסערע היתרים ווי סתם צו זאגן מ'טאנצט נישט אריין אין פייער כדי צו היילן א איד אין שבת. מ'רעדט פון מ'טוט אפילו וויניגער פון דעם, און פאר דעם איז עס אביסל מער.

לאמיר לערנען, אקעי, איך מיין אז ס'איז געגוג אויף צו כאפן וואס איך טריי צו זאגן. ס'איז א שאלה, אבער אזוי מיין איך. איך מיין אז מענטשן האבן א טעות אז זיי מיינען אז למשל מ'פרעגט אמאל א שאלה, דאס איז א חולה שיש בו סכנה, אבער די זאך איז נישט פשוט אז מ'שטארבט פון עס נישט טון.

איך מיין אז דאס איז די הלכה זאגט, אז א חולה שיש בו סכנה נעמט מען קעיר פון אים, נישט אז מ'טוט נאר זאכן וואס ער שטארבט נישט היינט. אפילו אז זיי שטארבן אביסל שנעלער וועגן דעם, איך מיין, ס'רעדט זיך נישט פון דעם, ס'רעדט זיך נישט פון די אלע סכנת נפשות, סכנת נפשות, ס'איז אפילו מער פון די עקלודיסטע הלכה פון יהרג ואל יעבור. נישט נאר ווען מיט דעם מעשה ראטעוועט מען אים, נאר איינער וואס זיין לעבן איז אין א סכנה איז די גאנצע שבת אנדערש לגבי אים און פאר די מענטשן ארום אים.

דאס וואלט געווען היתר. סכנת נפשות איז דוחה שבת.

**הלכה א (המשך): חולה שיש בו סכנה - עושין לו כל צרכיו על פי רופא אומן**

לאמיר לערנען ווייטער. זאגט דער רמב"ם, **"לפיכך, חולה שיש בו סכנה, עושין לו כל צרכיו בשבת, על פי רופא אומן של אותו מקום."**

לויט די כלל אז שבת ווערט נדחה פאר סכנת נפשות, איז די הלכה אז חולה שיש בו סכנה, א חולה וואס איז אין א סכנה, שיש בו סכנה, אין די מחלה איז דא א סכנה, עושין לו כל צרכיו בשבת, קען מען אים טון אלע זיינע צרכים בשבת, על פי רופא אומן של אותו מקום.

**דריי זאכן אין דער הלכה**

זאגט ער דא דריי זאכן. איינס, מ'מעג אים טון כל צרכיו בשבת, אלעס וואס פעלט זיך אויס. ער גייט אביסל מער מאריך זיין, מיין איך, וואס טייטשט אלעס פעלט זיך אויס. נישט נאר דאס וואס איז ממש צו הונדערט פראצענט הצלת נפשות, נאר מ'מעג טון נאך זאכן.

און ס'דארף זיין על פי רופא אומן, אבער של אותו מקום. ס'דארף זיין באזירט אויף איינער וואס איז פארלעסליך, וואס ווייסט אז דאס איז דא א סכנה. אבער ס'מיינט אויך נישט אז מ'דארף יעצט זוכן די גרעסטע מומחה פון די גאנצע געגנט ארום, נאר ווער ס'איז די נאנטסטע לאקאלע מומחה, קען מען אים גלייבן.

**צוויי ראלעס פון דעם רופא אומן**

רייט, איך מיין אז ס'מיינט צוויי זאכן, אפשר וועט מען זען אין א מינוט. קודם כל, די רופא אומן איז קובע אז דאס איז א חולה שיש בו סכנה. דו פרעגסט אים, איז דאס א דעינדזשערעס מחלה? יא, דאס איז א דעינדזשערעס מחלה. צווייטנס, דער דאקטאר זאגט וואס מ'דארף טון. ער דארף עסן ווארעמע זופ יעצט. אקעי, קאך פאר אים א ווארעמע זופ, וכדומה.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "של אותו מקום"?**

רופא אומן של אותו מקום איז אביסל אן אינטערעסאנטע זאך. ס'טייטשט די בעסטע פון יענע פלאץ. אויב איז אין יענע מקום נישטא קיין רופא אומן, דער וואס איז די נאנטסטע צו א רופא אומן.

לכאורה, ניין, ס'איז נישטא קיין חיוב צו זוכן איינע פון די ווייטענס, ווייל אפשר דער וואס איז דער אנגענומענער רופא דא, אפשר ווייסט ער נישט געגוג. ס'איז דאך דא אן "עושה מקום" פון פיקוח נפש.

וואס? סתם אזוי מעג מען נישט וואוינען אין א שטאט וואס האט נישט קיין רופא אומן.

ניין, אבער יא, לאזט אליין א איד. אבער ס'מיינט, ס'מיינט דער וואס ווייסט, נישט סתם איינער.

ניין, אבער דער "עושה מקום" זעט אויס אז ס'איז אביסל א געוויסע קהילה.

**הלכות שבת פרק ב: סכנת נפשות בשבת — רופא אומן, ספק נפשות, ואין ממתינין כדי שלא לחלל שתי שבתות**

**הלכה א' (המשך) — רופא אומן של אותו מקום**

## Speaker 1:

נאר whoever ס'איז די נאנטסטע לאקאלע מומחה קען מען אים גלייבן.

איי גוט. רייט. איך מיין אז ס'מיינט צוויי זאכן, אפשר וועלן מיר זען אין א מינוט. קודם כל, די רופא אומן איז קובע אז דאס איז א חולה שיש בו סכנה. פרעגסט אים, איז דאס א דענדזשערעס מחלה? יא, דאס איז א דענדזשערעס מחלה. צווייטנס, דער דאקטאר זאגט וואס דארף מען טון? ער דארף עסן ווארעמע זופ יעצט. אקעי, קאך פאר אים א ווארעמע זופ, וכדומה.

רופא אומן של אותו מקום איז אן אינטערעסאנטע זאך. ס'טייטשט די בעסטע פון יענע פלאץ. אויב איז אין יענעם מקום נישטא קיין רופא אומן, דער וואס איז דער נאנטסטער צו א רופא אומן לכאורה. ס'איז נישטא קיין חיוב צו זוכן איינער פון די ווייטענס, ווייל אפשר דער וואס איז אנגענומען פאר א רופא דא, אפשר ווייסט ער נישט געגוג גוט. ס'איז דא א חיוב פאר פיקוח נפש, איך מיין. וואס? סתם אזוי טאר מען נישט וואוינען אין א שטאט וואס האט נישט קיין רופא אומן. ניין, אודאי, יא, להציל נפש מישראל. אבער ס'מיינט דער וואס ווייסט. ניין, אבער ווען ס'איז של אותו מקום זעט אויס אז ס'איז אביסל א געוויסע קולא, אז מ'דארף נישט זוכן אפשר איז דא עפעס אן אנדערע מומחה וואס זאגט אנדערש. און גרייד אין הלכות יום כיפור רעדט ער אביסל מער וועגן דעם וואס טוט זיך ווען ס'איז דא אנדערע דאקטוירים וואס זאגן אנדערע זאכן.

אקעי, אבער דאס איז... איך זאג דארט, מ'דארף זוכן א מומחה, מ'דארף נישט סתם אויף צו העלפן א איד, מ'דארף מאכן זיכער מ'האט די גרעסטע מומחה וואס מ'ווייסט. דאס איז הלכות פיקוח סכנת נפשות, ס'הייסט לגבי די ענינים פון סכנת נפשות, מ'פאלגט די בקי, אין די גמרא שטייט א בקי. דער רמב"ם האט מיר איינער צוגעלייגט דאס, רופא אומן של אותו מקום.

**הלכה א' (המשך) — ספק נפשות דוחה את השבת**

## Speaker 1:

יא. זאגט דער רמב"ם, וואס איז די כלל? נישט נאר ווען דער מענטש'ס לעבן איז אין א ודאי סכנה, נאר **אפילו ספק שצריך לחלל עליו את השבת ספק שאינו צריך**. ס'איז א ספק אז דער חולה דארף האבן די חילול שבת, צו דאס גייט אים ראטעווען. אדער אן אנדערע מין ספק איז, **איין רופא האט געזאגט אז מ'זאל מחלל שבת זיין אויף אים, ורופא אחר אומר אינו צריך**, אן אנדערע רופא זאגט אז ס'פעלט נישט אויס, ער זעט נישט אז דער חולה זאל זיין אין א סכנה אדער אז די פעולה אז ס'וועט אים העלפן, הייסט עס אויך ספק, **ומחללין עליו את השבת**? זאגט דער רמב"ם, ווייל דער כלל איז אז **ספק נפשות** איז אויך **דוחה שבת**, נישט נאר סכנת נפשות ווי ער האט אנגעהויבן, נאר אויך ספק סכנת נפשות איז דוחה את השבת.

**הלכה ב' — אין ממתינין כדי שלא לחלל שתי שבתות**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער, הלכה ב', נאך א קולא, אז מ'דארף נישט זוכן צו ממעט זיין דווקא אין די חילול שבת ווען ס'הערט זיך מיט סכנת נפשות. זאגט ער אזוי, **"עמדוהו ביום השבת"**, מ'האט אים אפגעשאצט ביום השבת, **"שיצטרך לכך וכך שמונה ימים"**, ער גייט דארפן א געוויסע טריטמענט, לאמיר זאגן אכט טעג. וואלט א מענטש געקענט איינפאלן, אממ, זיי מאכן אין די אכט טעג זאל נאר זיין איין שבת. ער וואלט געקענט זאגן, לאמיר אנהייבן די טריטמענט אויף א מאנטאג, איך ווייס נישט וואס, אזוי וועט נאר זיין איין שבת, נישט אנהייבן עס פרייטאג אדער שבת. **"אין אומרים נמתין לו עד הערב"**, מ'זאלווארטן ביז מוצאי שבת, **"כדי שלא יחלל שתי שבתות"**, כדי מ'זאל נישט מחלל שבת זיין סיי די שבת, סיי די נעקסטע שבת. מ'זאגט נישט אזוי. **"אלא מתחילין מהיום"**, פון ווען ס'קומט ארויף די צורך קען מען גלייך אנהייבן טון די חילול שבת, **"שישבת"**, און מ'דארף נישט חושש זיין אז מ'גייט דארפן מחלל שבת זיין נאכאמאל. ס'איז טאקע דא וואלט מען געקענט אפשר... דא וואלט מען יא געקענט ווארטן, אפשר וואלט די ווארטן נישט געווען אזא גרויסע סכנה. אבער אויב ס'איז דא א ספק נפשות און ס'איז דא א צורך פאר א טריטמענט, קען מען שוין אנהייבן היינט, אפילו אויב דאס גייט גורם זיין נאך א שבת.

**"ומחללין עליו אפילו מאה שבתות"**, מ'מעג אפילו מחלל שבת זיין אפילו מאה שבתות ווי לאנג ס'פעלט אויס. **"כל זמן שיצטרך"**, זאגט דער רמב"ם די כלל, **"כל זמן שיצטרך"**, ווי לאנג ער דארף א חילול שבת, א טריטמענט, א רפואה וואס איז חילול שבת, **"ויש בו סכנה או ספק סכנה, מחללין"**.

#### דיון: דער חידוש פון "אין ממתינין" — אפילו ווען ס'איז קיין שום חילוק

### :Speaker 1

איך וואלט געמיינט אז דאס איז פשוט א לומד'ישע זאך. אוודאי אויב ס'איז א ספק אז אויב מ'גייט שפעטער אנהייבן די טריטמענט וועט זיין א מער סכנה, איז דאך פשוט אז מ'דארף. דאס איז נישט די הלכה. די הלכה זאגט א חידוש נאך מער פון דעם. ס'איז נישט קיין שום חילוק. מ'קען אנהייבן רואיג מוצאי שבת. א איך דארף זיך נישט רעכענען יעצט איז פיקוח נפש, יעצט איז ספק נפשות, איז נדחה די היינטיגע שבת. א איך דארף נישט מאכן די אייבערשטנ'ס חשבונות, "אה, מ'וועט מחלל זיין צוויי שבתים וועגן דעם". מ'דארף נישט מאכן אזא חשבון. יעצט איז א ספק ��פשות, א חולה שיש בו סכנה, יעצט האסטו א היתר. מארגן, נעקסטע שבת, וועט זיין נאכאמאל מותר.

איך וועל דיר זאגן נאך מער פון דעם. איך וועל דיר זאגן אז אפילו אויב ער וועט זאגן, "איך קען עס טון זונטאג", אבער יעצט איז דא א שטיקל פיקוח נפש, יעצט איז דא עפעס וואס מ'הייבט אן שבת. איך זאג דיר, ס'איז נישט... מ'רעדט נישט פון א פאל וואס ס'איז מער דעינדזשערעס צו ווארטן ביז זונטאג, איז דאך פשוט אז מ'דארף עס טון שבת. מ'רעדט פון א פאל וואס ס'איז נישט קיין שום חילוק. אים גייט עס אן. יעצט איז מותר, איז יעצט מותר. נעקסטע וואך וועט זיין מותר, וועט זיין נעקסטע וואך מותר. אויב ס'איז נישט קיין שום חילוק, איז עס נישט.

נאר ווען ס'איז צורך. כל זמן ס'איז צורך. ער דארף אכט טעג, ער דארף האבן די טריטמענט, און מ'קען עס טון אדער שבת אדער זונטאג, איז דאך פשוט אז מ'טוט עס זונטאג. ניין, ס'איז נישט. דאס איז וואס ס'שטייט דא. מ'דארף נישט מאכן די חשבון. מענטשן סקעדזשולן נישט א דאקטאר אפוינטמענט פאר שבת ווייל מ'קען עס טון זונטאג. מ'מעג. וואס הייסטו זאגן? דער תירוץ איז אז מ'מעג. מ'מעג, נאר מיט אפשר א געוויסע הוספה, אז ער האט שוין א גדר, ער איז שוין בגדר פון ספק פיקוח נפש אדער עפעס. א חולה שיש בו סכנה. אגעין, מענטשן סקעדזשולן נישט מיט שטעט פון חולה שיש בו סכנה. א חולה שיש בו סכנה איז מותר מחלל שבת צו זיין. נעקסטע וואך וועלן מיר פרעגן נאכאמאל די שאלה, איז מותר מחלל שבת צו זיין? וועט ווייטער זיין די תירוץ אז מ'מעג. ווי לאנג ס'איז א סכנה אדער אפילו ספק סכנה, איז מען מותר מחלל שבת צו זיין.

אויב איינער איז יא א חולה שיש בו סכנה, און מ'דארף למשל מאכן אפשר א טעסט, ס'איז נישט מעכב אז מ'מאכט די טעסט היינט אדער מארגן, לויט ווי ס'שטייט דא איז נישט קיין שום ענין צו בעטן די האספיטאל צו מאכן די טעסט מוצאי שבת. יעצט איז ער א חולה, מעג מען. זאגסט אז דער חולה איז מותר געווארן, פאר אים מעג מען שוין גיין, מ'דארף זיך נישט... מ'דארף נישט מאכן די חשבונות צו סעיון נעקסטע שבת. ס'איז א חילוק, איך זאג דיר אז ס'איז מותר מן הדין. אויב ס'איז א חולה שיש בו סכנה, און דער דאקטאר זאגט אז מ'דארף אכט טעג די און די זאך, וואטעווער ס'איז, מעג מען.

#### דיון: פארוואס איז דא קיין חיוב שמירת שבת פאר נעקסטע שבת

### :Speaker 1

ס'איז אן אינטערעסאנטע הלכה, ווייל פאר די נעקסטע שבת, די שבת האב איך נישט קיין חיוב שמירת שבת פאר די נעקסטע שבת. ס'איז דאך פשוט, אז אויב איך מעג די שבת ווייל ער איז בגדר חולה, אז איך מעג פאר די שבת, דארף איך מיך נישט יעצט זארגן פאר די נעקסטע שבת. די חיוב שבת איז דאך נאר יעדע שבת אויף היינט. היינט האב איך א מצוה פון שמירת שבת, איך האב נישט היינט א מצוה פון שמירת נעקסטע שבת.

### :Speaker 2

אבער זאלן... נעקסטע שבת גייט דאך זיין א מיתה ווייל ער איז דאך נאך אין די אכט טעג פון די טריטמענט.

### :Speaker 1

יא, איך פארשטיי וואס די וועלט זאגט. איך מיין אפשר די זאך וואס די וועלט זאגט איז, נישט איינמאל שבת איז דורך, נישט אזוי ווי אפשר די... נישט אלס "חלל עליו שבת אחת", נישט ווייל פקוח נפש איז דא מער ווי איין שבת. פקוח נפש איז אפילו ווערט אויף איין חולה, מען דארף מחלל שבת זיין אלע שבתים. איינער וויל דאך קענען... אבער מען דארף יא מאכן די חשבון. ס'איז נישט מעכב. איך האב געטראכט אז ס'איז אויסגעהאלטן געווען, דאן הייבט מען אן די רביעי זונטאג, נישט איינס זונטאג. די עצה איז ניין. דאס איז וואס שטייט דא לכאורה.

#### דיון: וואס מיינט "צורך" — היינט אדער בכלליות?

### :Speaker 1

אזוי, אנטשולדיגט, לאמיר זען. אזוי, ער איז א צורך. איז א צורך מיינט ער דארף עס בכלליות, אדער ער דארף עס היינט? ס'איז א צורך מיינט לכאורה אז ער דארף עס בכלליות, אז ער דארף עס, ער דארף די טריטמענט. און ער איז שוין בגדר חולה פקוח נפש וואס אויף אים איז שוין מותר געווען שבת, דארף מען זיך נישט מדייק זיין צו ס'פעלט דווקא אויס היינט. ווייל היות דער חולה דארף עס האבן פאר די ביגער פיקטשער, אפילו אויב ס'איז נישט קיין היינטיגע רעטונג, מעג מען. און אפילו אויב מ'גייט יעצט אריין אינטו א טריטמענט וואס גייט דויערן א לענגערע...

די פוינט איז, וואס ס'שטייט דא איז ווייל מ'האט מורא אז נעקסטע שבת... דאס הייסט, מ'קען די שאלה אינמיטן. איין שבת געבט מען זיכער מחלל שבת זיין, ווייל ס'נעמט אכט טעג. די שאלה איז צו מ'דארף קערן אז ס'גייט זיין צוויי שבתים. דער רמב"ם זאגט אז מ'דארף נישט קערן. איך זע אז דער רב בלומענבערג ברענגט פון די שולחן ערוך הרב, נישט אזוי ווי מיר, נאר ער לערנט אז דאס איז אלץ אויף חשש. אבער מ'קען נישט וויסן, מ'קען נישט טועה זיין מיט זיכערע חשבונות. אויב איז דא א חשש קטן, אויב איז דא אן אמת'ע סכנה.

מיינע זאגט ער, אז אויב ס'איז זיכער אז נישט... אבער איך פארשטיי נישט, רבותינו זאגן, איך מיין, דער הייליגער שולחן ערוך הרב זאגט, איך קען נישט שלאגן מיט אים. איך פארשטיי נישט וואס ער זאגט. "אין בורא לוני". דאס טייטש דאך אז ס'איז קיינמאל נישט בורי. אלעמאל קען זיין אז... איך רעד נישט, איך ווייס נישט, מ'רעדט בכלל נישט קיין חולה שיש בו סכנה, ס'איז נישט בורי, דאן הייבט זיך שוין אן די שאלה. אבער א חולה שיש בו סכנה איז אלעמאל, מ'שטופט אפ די טריטמענט איין טאג, קען דאך זיין א

קאמפליקעישן יענע טאג, פונקט, ווער ווייסט. דאס איז דאך די טעם. איך מיין דער רמב"ם אליין... רעד איך צו יעדן איינעם. זאגט ער, ער וויל נישט זאגן נאר אויב ס'פעלט אויס, ווייל ער וויל נישט מענטשן זאלן מחמיר זיין לענין פיקוח נפש. און די עולם מעג מען נישט איינשרייבן, אזוי ווי כאילו... ווייל ס'איז דאך דא די סארט מענטשן וואס מ'האט מורא אז זיי גייען נכשל ווערן און נישט טון שבת פיקוח נפש, ווייל זיי גייען זיך איינרעדן. סאו זאגט ער, מ'מעג, ער זאגט נישט... ניין, דיין שאלה איז שינוי השם. די שינוי השם איז דא געוויסע מענטשן וואס זיי האלטן יא לייגן זיי חותם און החתנה. ניין, די שינוי השם מיינט אז ס'איז חובת נפשות. יעדער אפשטיפאכט, ס'איז שטיקל... אוודאי, קענסטו פרעגן א קשיא, קומסטו אלעמאל היינט מענטשן פרעגן זיך קשיות, דער דאקטער אליין שטיפט אפ ווייל ער דארף עסן לאנטש, וועג איך נישט אפשטיפן וועגן שבת... וואס וואס וועל איך טון... לאנטש דארף מען נישט, און שבת דארף מען נישט. דאס איז די הלכה. אזוי זעט מיר אויס. דאס איז וואס די הלכה זאגט! אבער אין די אנדערע זייט, דער וואס איז א מומחה מעג אפשטיפן, דער וואס איז א מומחה, און ער ווייסט א הונדערט פראצענט אז ער שטופט נישט אפ וועגן שבת, נאר ווייל מען קען אפשטופן, דארף ער דארף אפשטופן, זאל ער אפשטופן. נא פראוולאנד. אבער מען וויל נישט אז דער מענטש זאל אפשטופן וועגן שבת, בעסיקלי. די שבת זאלן זיך זיין קיין בני ער פון אויסצורייזלן דעם מענטש. אז מע מעג, זאגט מען דארפט בכלל נישט אויף א חלילישער שווער, מען דארף פארן צו א היספערל, און ער האט נישט א כח איינס צו פארן, מען פרעגט דער דאקטער, דער דאקטער זאגט קענסט פארן מארגען? אקעי, דאס איז שוין הלכות דאקטעריי, דאס איז שוין הלכות שבת. יא, כבוד מען עס איז צורך ויערש בסכנות, סבו, סכנא מיט חלבים.

**הלכה ב׳ (המשך) — וואס פאר מלאכות מעג מען טון**

## Speaker 1:

יעצט זאגט דערהיין, וואס מעג מען אלץ טון? ער זאגט, מען מעג טון פארשידענע מלאכות, נישט נאר א סורדזשערי, כוייס כולו, וואס דער מלאכה אליין היילט, ווייל אפילו ארומיגע זאכן מעג מען טון. ער זאגט, **מען דליקן מלאכן, מען מעג אויסלעשן די לעכט, אדער אויסלעשן די לעכט, לויט ווי ס'פעלט אויס, און מען מעג אנגרייטן עסן פאר א חולה, מעג מען שחטן, סיי הייסן וואסן.** עס קען אים אוואשן, אדער אים געוועגן צו טרינקען, ווילן, השכותל ווילן, רחיצות סגר, פארמעג מען טון די אלע זאכן. איך מיין אז דער עס איז פשוט, עס איז א נייע חידוש, א קראנקער מעג מען קאכן עסן. א קראנקער, דארף דאך האבן ווארעמעסן, ער דארף דאך אים מחזק זיין, ער קען נישט, אויבער עס איז אן אפענדע לייזן, ער קען נישט שלאפן, אדער פארקערט, ער האט מורא, עס איז טינקל, ער קען נישט זען. די אלע זאכן ווערט פארט פון די טיפול בחולה, די מעדיצין. א געזונטער מענטש קען אויסהאלטן א שבת אן פרישע ווארעמע עסן. א חולה איז יעדע זאך, זאגט מען אונז, אז פאר א חולה איז יעדע זאך, ווייל ער איז אזוי האקל, איז יעדע זאך בגדר א חשש, א ספק סכנה וואס מ'מעג טון שבת.

**כללא של דבר, שבת לגבי חולה שיש בו סכנה הרי הוא כחול לכל הדברים.**

**שבת איז ווי חול לגבי א חולה שיש בו סכנה — הלכה ב (המשך)**

**שבת איז כחול לכל הדברים שצריך להם**

## Speaker 1:

שבת לגבי א חולה שיש בו סכנה איז אזוווי כחול, ס'איז אזוווי א וואכעדיגער טאג לגבי אלעס וואס ער דארף האבן. פארשטייסט? ער זאל נישט זיך צוריקהאלטן, אפשר דארף ער נישט, די וואסער זאל זיין אזוי ווארעם, אדער אפשר קען מען אביסל וויניגער וואסער. די וואס מענטשן זיך מתעסק מיט די חולה, שבת זאל אים נישט זיין קיין שטער פון פיקוח נפש. ער זאל טון אלעס וואס ער דארף.

ס'שטייט דאך **"לכל הדברים שצריך להם"**, נישט סתם זאכן.

**גדר "טיפול בחולה" — ברייטער ווי מעדיצין אליין**

איך מיין אז מ'דארף געדענקען, איך געדענק אמאל די האספיטאלס זענען זייער מאדערן אין די טעג, אבער אמאל האט יעדער איינער פארשטאנען אז א חולה, די טיפול פון א חולה איז נישט די עיקר די מעדיצין, די אנטיביאטיקס, איך ווייס נישט וואס מ'טוט אים. א חולה דארף מען נעמען קעיר.

וואס הייסט מ'נעמט קעיר? מ'לייגט אים אריין אין בעט, מ'געט אים ווארעמע עסן. דאס איז אלץ פארט פון טיפול אין א חולה, ס'איז געהעריג ביקור חולים, אבער דאס איז די מצוה פון נעמען קעיר.

היינט אין האספיטאל נעמט מען אים, ס'מעג זיין אנגעצונדן די לייט א גאנצע נאכט, און ס'מעג זיין נויז, די עיקר אז מ'געט אים די ריכטיגע שאט, איך ווייס נישט וואס. אבער דאס איז נישט וויאזוי די הלכה קוקט אן, נישט וויאזוי מ'האט אנגעקוקט בכלל ביז אפאר וואכן צוריק. מ'האט נישט אזוי אנגעקוקט אזא טיפול אין א חולה. א חולה איז איינער וואס מ'דארף אים נעמען קעיר.

**"על פי רופא אומן" — פונקטליכער גדר**

מ'דארף וויסן, די **"על פי רופא אומן של אותו מקום"** מיינט וואס הייסט מעדיצינישע זאכן, אבער וואס חז"ל זאגן אז מ'מעג טון, מעג מען טון. מ'דארף נישט פרעגן די דאקטער צו די חולה דארף האבן ווארעם וואסער זיך צו וואשן. ס'איז א תקנת חכמים אז מ'זאל פארזארגן דעם מענטש.

**דיסקוסיע: צי מעג מען טון זאכן וואס זענען נישט דירעקט סכנת נפשות?**

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. איך האב נאכגעקוקט, בגדר סכנת נפשות, אויב דאס איז נישט... אויב איז דא אויפוואשן גארנישט צו טון מיט סכנת נפשות, טאר מען דאך נישט.

ניין, פשוט ווייל דער מענטש איז במצב סכנת נפשות, האט מען פאר אים מתיר געווען אלעס. ניין, זיי האבן נישט מעדזשיקלי מתיר געווען. דאס איז דער פאקט, איך האב געהאט אן ענדליכע תורה'דיגע מחלוקת מיט דעם. זיי קענען נישט טון אלעס.

יא, אבער ווען יעדער איינער איז מסכים אז ס'העלפט צו נעמען קעיר און מ'געט פאר אים דאס בעסטע, יעדער איינער איז מסכים אז דאס איז פארט פון די טיפול בחולה. דאס וואס היינטיגע האספיטעלס פריאריטיזן דאס נישט, דאס איז א קשיא אויף זיי. אבער פרעג זיי אליין, זאלן זיי מודה זיין אז ס'איז פארט פון די אויסהיילונג.

ניין? אקעי. כך נראה לי. אקעי.

מ'דארף וויסן די על פי רופא אומן פונקטליך. על פי רופא אומן מיינט אז דער רופא אומן מיינט די קעיגיווער אז דער חולה איז בגדר חולה שיש בו סכנה. אבער אויב דער רופא אומן זאגט אז אויפוואשן גייט נישט אויסמאכן פאר אים קיין שום זאך, לכאורה בלייבן מיר מיט די הלכה וואס ס'שטייט אז מ'טאר נישט נארך, אז מ'מעג יא.

ניין, איך מיין אז ס'איז א פאקט. א חולה דארף מען נעמען קעיר. דו זאגסט ער גייט נישט שטארבן. דו מיינסט אז אין די גמרא, אגעין, אין די גמרא וואלט מען געטראכט אז א חולה שטארבט אויב מ'וועט אים נישט גוט אויפוואשן? מ'האט בכלל נישט אזוי געטראכט. יעדער פארשטייט, א חולה דארף טיפול, מ'דארף נעמען קעיר פון אים.

אקעי, מ'דארף אבער וויסן פונקטליך וואס איז דער גדר טיפול, וואס יא און וואס נישט.

**משל: מוזיק פאר א חולה**

איך ווייס נישט. מ'דארף דאך אבער וויסן וואס ער מיינט. למשל, איך ווייס נישט, לאמיר זאגן א חולה מאכט זיך אז ער וויל יעצט האבן מוזיק, ס'איז אים פלעזנט. מ'דארף יעצט אנצינדן די מוזיק שבת? איך ווייס נישט.

די זאכן וואס דו האסט אויסגערעכנט, האט צו טון מיט... ער וויל עסן, עסן געבט פאר א מענטש כח. אים אויפוואשן, אויפוואשן העלפט אויך זיך היילן, ס'ברענגט נישט מחלות. אנצינדן א לעכט זאגט טאקע די גמרא אז ס'איז פאר

זיין רואיגקייט, פאר'ן אויסלעשן אדער אנצינדן, ער זאל זיך נישט דערשרעקן.

יא, והנכון עמי. איך גלייב נישט אז מענטשן דארפן מוזיק, אבער אויב ער האלט אז ער דארף, זאל ער לייגן מוזיק, נו פראבלעם, שבת אויך.

די רמב"ם פרעגט, **"אלו הן דברים האלו..."** וואס עס ברענט אים די שבת. ניין, איך זאג **"אותם דברים האלה"**... ניין, ס'איז פארקערט, לייען וואס עס שטייט.

**"אין מוסרין אותן לא לגוים ולא לקטנים ולא לעבדים ולא לנשים"**

**די רמב"ם'ס לשון**

ווען מ'טוט די זאכן, **"אין מוסרין אותן לא לגוים ולא לקטנים ולא לעבדים ולא לנשים"**. א מענטש וואלט איינגעפאלן אז ער זאל נישט טון די אלע מלאכות, נאר זאל עס טון איינער וואס זיין חיוב איז שוואכער, אדער א גוי אדער...

אבער ס'האט א פארקערטע... **"כדי שלא תהא שבת קלה בעיניהם"**. אויב מ'וועט זאגן "איך טו נישט, אבער דו מעגסט ווייל דו ביסט א קטן, אדער ווייל דו ביסט אן עבד אדער אן אשה", וועט שבת ווערן קל בעיניהם. זיי וועלן מיינען אז די סיבה פארוואס מ'מאכט זיי טון איז נישט וועגן די חשיבות פון סכנת נפשות, נאר שבת וועט ווערן שוואך ביי זיי.

נאר וואס דען דארף מען עס טון? **על ידי גדולי ישראל**, צו ווייזן אז די סיבה פארוואס מ'איז מחלל שבת פאר די חולה איז ווייל אזוי איז די הלכה, ווייל פיקוח נפש איז דוחה שבת. אבער וואס הייסט גוים? וואס איז שייך ביי גוים "שלא תהא שבת קלה בעיניהם"?

**דיסקוסיע: צוויי נקודות אין דער הלכה**

### Speaker 2:

עס איז דא צוויי זאכן דא, איך מיין. איינס, מ'זאל נישט מיינען אז ס'איז א גרויסע בדיעבד, און וועגן דעם, פארקערט, זאלן עס די גדולי ישראל טון צו ווייזן אז ס'איז לכתחילה.

### Speaker 1:

ס'שטייט נישט דא וועגן ווייזן. ס'איז לכאורה צוויי זאכן. איין זאך איז, ווי פריער האסטו אויסגעפירט, **"ואין מעבירין נשים לעשות דברים אלו"**. וואס ס'שטייט דא איז צוויי זאכן.

קודם כל, מ'טראסט נישט א גוי. אויב ס'איז סכנת נפשות, דארף עס טון ווער ס'קען די בעסטע. דו זאלסט נישט שיקן עפעס א גוי, גיי ווייס צו דער גוי ווייסט וואס ער טוט, אדער אן עבד. ער דארף זיין רילייעבל צו העלפן ריכטיג די חולה אדער די סכנת נפשות.

ס'איז דא א צווייטע נקודה, וואס דאס איז "שלא תהא שבת קלה בעיניהם". מ'געט נישט איבער. ווייבאלד אז מ'האט זייער מקיל געווען אויף א דבר איסור חמור מאוד אויף שבת, מ'זאגט פאר נשים, "דו ווייסט, גיי וואש אפ" און אזוי ווייטער, און זיי וועלן נישט כאפן אז ס'איז וועגן סכנת נפשות, וועלן זיי מיינען, "אה, שבת איז פשוט א קליינע זאך", און זיי גייען נישט וויסן פונקטליך מבחין צו זיין ווען יא און ווען נישט.

סא, מ'געט עס דוקא על ידי גדולי ישראל. גדולי ישראל, נישט די מענטשן פארשטייען די צייטונג. גדולי ישראל, מי כעמך ישראל, יא.

### Speaker 2:

נשים, גדולי ישראל זענען געווענליכע בר אחיות.

### Speaker 1:

עקזעקטלי, ווייל זיי זענען ריספאנסיבל. סיי זענען זיי ריספאנסיבל צו העלפן, און סיי זענען זיי ריספאנסיבל נישט צו מזלזל זיין אין שבת וועגן דעם. ס'איז בעצם שטייט דא צוויי אנדערע זאכן אין די זעלבע הלכה. ווייל גוים אדער עבדים למשל... עבדים ווייס איך נישט... למשל נשים, איז דאך טאקע נישטא קיין הסבר, ווייל אן אשה איז פונקט אזוי מצווה אין שבת, זי איז פונקט אזוי א בת סקילה אויב זי איז מחלל שבת. אויב אזוי, וואס איז די אויפטו אז אן אשה טוט עס? ס'איז סתם א רשות.

**קשיא: פארוואס זאל איינער מיינען אז א פרוי זאל טון?**

איך האלט נאך נישט דארטן, אבער איך רעד, פארוואס זאל א מענטש איינפאלן? איינפאלן טון דורך א גוי? ווייל ער וויל נישט מחלל שבת זיין. סתם, עס וועט אים נישט פלוצלינג איינפאלן.

ס'איז דא צוויי זאכן אין די הלכה. איינס, אז א מענטש זאל נישט זאגן "איך וויל עס נישט טון, איך וויל מחמיר זיין". זאגט מען, ניין, פארקערט, פיקוח נפש איז א מצוה גדולה, און זאלסט עס יא טון. פארדעם זאלן עס גדולי ישראל אויך טון.

האבן מיר דא א צווייטע זאך, אז מען זאל עס נישט הייסן טון פאר די מענטשן וואס זאלן מיינען אז מען מעג מחלל שבת זיין.

אזוי נאכאמאל, אויב א מענטש האט א נורס, א פרוי, וואס טוט אלע מלאכות פאר דעם מענטש, זאגט מען נישט אז שבת דארף א מאן איבערנעמען. שבת דארף מען ברענגען דער רב, דער גדול בישראל. וואטעווער, דו זאגסט אז ס'מיינט נישט גדול בישראל. א שבת איבערנעמען. מ'מיינט נישט דאס.

מ'מיינט צו זאגן, א מענטש וואס וויל זיך מונע זיין פון חילול שבת, ער וועט דאך מיינען, אקעי, די פרוי וועט ער נוצן, אדער דער גוי וואס ער רעדט זיך איין... דער גוי איז טאקע נישט די זעלבע איסור, אבער אן אשה... **"ואין מורין לנשים לעשות תחילה"**.

ניין, ער מיינט נישט דא אז ס'טאר נישט איינשטעלן קיין פרויען נורסעס. ער מיינט צו זאגן, א מאן וואס וויל זיך ארויסדרייען, ער וויל נישט זיין דער מחלל שבת, זאג איך אים ניין. ס'איז א מצוה אז מ'זאל זיך אפגעבן מיט א חולה, און ס'איז גארנישט קיין אויפטו אז די פרוי טוט עס בעסער ווי דיר.

### Speaker 2:

אבער מ'זאל פארשטיין באמת, פארוואס זאל איינער בכלל טראכטן אז ס'איז בעסער אז א פרוי טוט עס? א פרוי איז דאך א געהעריגע סקילה. ער שטעלט צו גוים און עבדים. גוים קען איך הערן. אבער נשים איז דאך א געהעריגע חילול שבת. פארוואס זאל איינער טראכטן אז ס'איז בעסער? ס'איז דאך אן איסור.

### Speaker 1:

אבער די צווייטע חלק איז אז ס'איז דא אן איסור, "כדי שלא תהא שבת קלה בעיניהם". אבער די איסור איז אויך נאר ווען פונקט די חילול שבת הייסט מען די פרוי טון. אויב די פרוי איז די וואס נעמט קעיר פון די חולה, ווייטער אלעס גוט.

### Speaker 2:

וואס האלט איך איין? נשים זענען נישט פון גוים. דו זאגסט יעצט א נייע הלכה, אז ערב שבת זאל מען פייערן אלע פרויען נורסעס און אריינברענגען גדולי ישראל נורסעס.

### Speaker 1:

נישט דאס איז וואס די הלכה דא זאגט. די הלכה זאגט אז א מענטש זאל זיך נישט ארויסדרייען און זיך איינרעדן אז ער איז נאך א גרויסער צדיק אז ער מאכט א צווייטער זאל טון די חילול שבת ווייל ער טוט עס נישט. פארקערט, ס'איז גאר א חיסרון, ווייל ס'איז יא דוחה שבת, וואס דו טוסט אליין טון.

איז דא א חיסרון פון הייסן אן אישה אדער אן עבד עס טון, ווייל זיי וועלן עס גאר רעדן שבת קלה בעיניהם. דאס איז וואס ס'שטייט דא. דאס וואס דו האסט ארייגעלייגט א גאנצע שטיקל וואס שטייט נישט.

### Speaker 2:

דאס איז די הסבר וואס ס'שטייט דא, ווייל וואס ס'שטייט דא מאכט נישט קיין סענס. אפשר ביי די ווארט גוים, אבער נישט ביי די ווארט נשים.

### Speaker 1:

יעצט פרעגסטו א קשיא. איך האב א קשיא, און איך האב דיר געגעבן אויף דעם אן ענטפער, און איך האב דיר געזאגט א גוטע הסבר וויאזוי מ'לערנט אפ די שטיקל רמב"ם.

דו האסט אריינגעלייגט א זאך, און ס'שטייט בפירוש אז מ'זאגט נישט פאר נשים אז זיי זאלן טון די זאכן, און דאס איז ווייטער פאר די זעלבע ריזן, ווייל נשים זענען מענטשן וואס זענען נישט רילייעבל אז ס'וועט גיין ווערן שבת קלה בעיניהם. זיי גייען נישט פארשטיין אז ס'איז וועגן פיקוח נפש, פיקוח נפש, אזא גדר זאך. זיי וועלן מיינען אז ס'איז סתם א זאך.

יעצט ווילסטו פרעגן פראקטיש, א מקום וואס איז נאר דא נשים, אדער דו האסט נשים וואס זענען פרוסט, אן א חילוק, איז דא א היתר אויף די הלכה. ס'איז נישט קיין אזא גרויסע פראבלעם דאס.

וואס **"ואין מורין נשים לעשות דבר זה"** מיינט אז א מענטש זאל נישט איינפאלן אז ער זאל היטן שבת און זאל עס די אישה טון. דו האסט געהערט דעם פשט, און נאר דאס איז די פשט. דו אינווענטסט א האול סי, דאס שטייט נישט. ס'שטייט פארקערט, מיר האבן אפילו געדארפט ממש דוחק זיין פארוואס האבן מיר א פראבלעם מיט גוים.

### "קלה בעיניהם" ביי גוים

אגב, מ'קען אויך אויף גוים קוועטשן אז ס'האט עפעס מיט קלה בעיניהם, איך ווייס נישט וויאזוי. דאס הייסט, איך קען דיר זאגן פארוואס, קלה, אז ס'וועט ווערן קל די איסור אמירה לעכו"ם ביי די אידן. מ'קען אזוי לערנען, ס'דא מפרשים וואס לערנען אזוי.

מ'קען, ס'האט מיר יא געוואלט ארײנלייגן דאס וואס דו זאגסט, אבער אינגאנצן ארויסנעמען וואס ס'שטייט און ארײנלייגן עפעס אנדערש.

## Speaker 2:

קוק, אין נישט אלע נוסחאות שטייט די ווערטער בכלל, "ואין מורין נשים לעשות דבר זה".

## Speaker 1:

איך האב דיר געזאגט מ'זאל עס ארויסנעמען. ווייטער, ניין, ס'מאכט נישט קיין סענס צו זאגן אז דאס איז א חומרא. אז דו גייסט זאגן אונז, ניין, אז דו זאלסט די חולה שטארבן ווייל ס'איז נאר דא אן אישה. ס'מאכט נישט קיין סענס.

מ'דארף פארשטיין אין די גאנצע הקשר. ער זאגט אז ס'איז יא דוחה, ממילא זאל דער מאן אויך אליין טון די מלאכה און נישט געבן פאר די פרוי. אויך חסרונות פארנעמען א פרוי פון "שלא תיקח אשת איש כלה בראם". דאס איז וואס ער זאגט, אזוי פארשטיי איך. אויב דו פארשטייסט עס אנדערש, איך דאס איז מיין פשט.

## Speaker 2:

ניין, ווייל דו האסט געדזשאמפט זייער פאר. אנדערש שטימט עס נישט, אנדערש איז דא א גרויסע פראבלעם.

## Speaker 1:

עס שטימט זייער גוט. ווייל ביז יעצט האט מען נאר געזאגט וויאזוי מען זאל אלעס יא טון פאר די חולה פלוצלינג, און יעצט מאכט מען אונז תנאים אז פרויען טארן נישט טון די מלאכות פאר די חולה, און מען דארף עפעס גיין זוכן ווארטן, און ער זאל צווישן שטארבן ביז דער גדול בישראל קומט. וואס שטייט דא? עס קען נישט זיין אז דאס שטייט דא.

וואס שטייט דא איז אז מען זאל זיך נישט ארויסדרייען.

### פיקוח נפש בשבת: כללות'דיגע השקפה און ספעציפישע הלכות

### השקפה: די תורה'ס ציל איז רחמים, חסד, און שלום

## Speaker 1:

איז דאך דא א חסרון פון נעמען א פרוי פון "שלא תהא קלה בעיניו". דאס איז וואס ער זאגט, אזוי ווי איך פארשטיי עס. דו פארשטייסט עס אנדערש, איך זע דאס איז מיין פשט.

ווייל אנדערש שטימט עס נישט, אנדערש איז דא א גרויסע פראבלעם. ס'קען נישט זיין אז דאס שטייט דא. וואס ס'שטייט דא איז אז מ'זאל זיך נישט ארויסדרייען פאר א גוי עס צו טון וועגן שבת, און זיך געבן פאר איינעם וואס ער רעדט זיך איין אז די חיוב איז שוואכער. איך האב עס שוין געזאגט דריי מאל. אבער ס'שטייט יא די איסור, ער פרעגט א קשיא, וואס טוט מען ווען ס'איז נישט דא אן עובד? ער רעדט נישט באופן וואס ס'איז א ספק סכנה אפילו, מ'רעדט לכתחילה. מ'מוז ממנה זיין, למשל, איך וועל דיר זאגן וואס דא שטייט. דא שטייט אזוי, אז ווען מ'איז ממנה די הצלה מעמבערס, זוכט מען דוקא גדולי ישראל, נישט נשים וכדומה.

אויב ס'איז דא א קעיס מ'קען נישט טרעפן, די מענער נעמען מער געלט, ווייס איך וואס, די פרויען זענען בעסערע נורסעס, נו פראבלעם, אוודאי זאל מען נעמען די פרויען. דאס שטייט נישט דא, מ'טאר נישט. איין מורא, יא, ס'שטייט נישט אז ס'איז אסור לנשים. איין מורא מיינט ס'איז א חילוק. אז די פרויען, אויב די פרוי איז די אינציגסטע, אוודאי זאגט מען באלד, שפעטער האט מען געזען ביי יולדות, יא, שטייט מפורש מ'ברענגט א חכמה וואס איז א נשים, ווייל דאס איז זייער דזשאב. אויב ס'איז דא א דזשאב, די דזשאב פון די נורסעס, ער רעדט נישט פון דעם. אבער אויב ס'איז דא אן אופן וואס מ'קען מטריח זיין מענער, דאס איז וואס ער שטייט, אז מ'איז מטריח די מענער ווייל די נשים האבן די פראבלעם.

און ער ברענגט אויך דא פון אונטן, אז אוודאי אויב ס'איז נישט דא קיין נשים, ווארט מען נישט. מ'וואלט קיינמאל נישט וועגן די חומרא. אבער ס'איז יא דא א שטיקל חומרא. זאגט דער רמ"א, **"ואסור להתמהמה בחילול שבת לחולה שיש בו סכנה"**. טאר זיך נישט אפילו אויפהאלטן און טראכטן אפשר וועט מען נישט דארפן, נישט מחמיר זיין, **שנאמר "אשר יעשה אותם האדם וחי בהם ולא שימות בהם"**. זאגט ער, דאס לייגט ער אויף די אותיות מ"ה, דאס ווייל ער קענשטעלן אנפאנג פון די סיפא. פון דעם לערנט מען דאך ארויס אז כל התורה כולה דארף מען טון במקום פיקוח נפש. הא למדת פון די פסוק וואס זאגט אז "אשר יעשה האדם וחי בהם", אז דער אייבערשטער וויל אז די תורה וויל אז מענטשן זאלן לעבן, און מען זאל זיך נישט מוסר נפש זיין. לערנסטו ארויס **"שאין משפטי התורה נקמה בעולם"**. משפטי התורה זענען נישט געקומען צו מאכן שווער אויף מענטשן, צו זיין א... זיך נוקם זיין אין מענטשן, אן עונש, **אלא רחמים חסד ושלום בעולם**. די תורה איז דא פאר רחמים, חסד, און שלום.

ווייל מיט די רחמים, חסד, און שלום דארף מען זיך צוויילן פאר פיקוח נפש, מיט די רחמים בעיקר. איך מיין אז שלום קומט אריין...

ואידך גיסא. **ואלו המינים שאומרים שזה חילול שבת ואסור**, אויב איז דא מינים ערגעצוואו, וואס די צדוקים איז געווען וואס האבן זיך געקריגט מיט די חכמים מיט דעם... ס'איז דא היינט אויך אזעלכע. ס'איז קיין שינוי נישט צוטרעפן. שזה חילול שבת ואסור, אז אפילו במקום פיקוח נפש הייסט עס חילול שבת ואסור, **עליהם הכתוב אומר "וגם אני נתתי להם חוקים לא טובים ומשפטים לא יחיו בהם"**.

### דער רמב"ם'ס כללות'דיגע השקפה אויף תורה

ס'שטייט זייער קלאר. דער רמב"ם זאגט דא א מער א כללות'דיגע זאך, א שטיקל השקפה, רייט? נישט נאר וועגן חילול שבת, אז שבת איז נדחה מפני סכנת נפשות, נאר דאס איז גערעכנט אז די אותיות מ"ה. ס'קען זיין די גאנצע סיפא איז מער אזויווי אן ענין פון מסביר זיין די כללות'דיגע מצוה פון דעם.

ווייל וואס ער וויל ארויסברענגען איז אז נישט נאר איז עס א פסק דין אז שבת איז נדחה פאר סכנת נפשות. דער וואס מיינט אז שבת איז נישט נדחה, ער פארשטייט נישט בכלל די גאנצע תורה. ער מיינט אז די תורה איז געקומען צו "destroying life", צו מאכן מענטשנס לעבן שווער, אז דו זאגסט אז די נקמה מיינט ליטעראלי אן עונש, איך מיין געוועגליך אין דער רמב"ם. נאר די תורה איז געקומען מאכן לעבן בעסער. רחמים, חסד, ושלום איז אלץ צו פארן פארזאגן אז די לעבן זאל זיין בעסער, לעבן מיט מענטשן

שלום, אפשר העלפן א צווייטן מענטש פיקוח נפש הייסט שלום. אויב איינער זאגט פארקערט, ער האט א תורה וואס איז "לא יחיו בהם". זיין תורה מאכט נישט בעסער דאס לעבן, זיין תורה מאכט ערגער דאס לעבן, זיין תורה מאכט שטארבן. אבער דאס איז פאלש. ס'איז אביסל אינטערעסאנט פונקט דער פסוק, ווייל דער מענטש לערנט נישט גוט תורה, ער האט אפשר א ראנג תורה, דער מענטש ווייסט נישט וואס שטייט אין די תורה. און דער פסוק איז אויב ער האט אן אנדערע תורה, זיי האבן חוקים וואס זענען "לא יחיו בהם". די תורה שטייט "וחי בהם", אז מ'זאל לעבן מיט די תורה. ער האלט אז די תורה איז "לא יחיו בהם".

## Speaker 2:

יא, "לא יחיו בהם" איז דאס ווארט פון דארט. ס'שטייט אין פסוק "וחי בהם", און ער זאגט "לא יחיו בהם".

**הלכה ד: חושש בעיניו**

## Speaker 1:

יעצט גייט דער רמב"ם אנהייבן אריינגיין אין דיטעילס פון וועלכע סארט מחלות זענען סכנת נפשות. זאגט דער רמב"ם: **"חושש בעיניו, והוא שיהא בשתיהן ציר או באחת מהן"**, ס'קומט ארויס א געוויסע נאסעקייט, אזא אייטער פון די אויגן, איינס אדער ביידע אויגן. **או שיהו דמעות שותתות מהם מרוב הכאב"**, אדער אז איינעם'ס אויגן טוט אזוי ווי אז ס'רינט טרערן, **"או דם שותת מהם"**, אדער בלוט. **או שיש בהם קדחת"**, ס'מאכט זיך א קדחת, ס'טייטש היץ, אבער ער זאגט אז ס'ווערט געשוואלן די אויג. **וכיוצא בכל אלו, הרי זה בכלל חולה שיש בו סכנה, ומחללין עליו את השבת, ועושין לו כל צרכי רפואה"**. ס'טייטשט א סכנה פאר די... אונז ווייסן נאך נישט וועגן דעם אז מ'מעג מחלל שבת זיין נישט צו ווערן בלינד, אדער פאר סכנת אבר. דערוויל ווייסן מיר נאר וועגן חשש סכנת נפשות. איז לכאורה די ווארט איז אז פון אזא זאך קען מען שטארבן. צו וואס? אזוי וואלט איך געזאגט אויבנאויף. דער רמב"ם האט נאכנישט געזאגט וועגן ראטעווען א געוויסע אבר כדי דער מענטש זאל נישט פארלירן א האנט אדער וואס. איך מיין אז אויך די ענטפערס, געווענליך איז די ריזען ווייל מ'קען שטארבן דערפון. אן אויג איז א דענדזשערעס זאך, גיי ווייס וואס ס'גייט געשען. ס'איז דא א זאך וואס איז א געוויסע אינפעקשאן אויף א געוויסע אבער, סתם א מחלה אויף די אויגן, וואס ס'איז עפעס ראנג מיט די גיד. אבער ס'איז דא א מחלה וואס אטאקירט די אויגן און ער קען ווערן בלינד, אבער ער גייט נישט שטארבן. א שטארקע מסופק גייסטו ענטפערן אזא זאך, ווייל א מענטש אן אן אויג איז קוים א מענטש.

**דיסקוסיע: סכנת אבר אדער סכנת נפשות?**

## Speaker 2:

ניין, ווי? פשט איז אז ס'איז דא נאך א חידוש, אז אויך נישט צו ווערן בלינד הייסט אויך אזוויי בגדר... איך מיין אז ס'איז דא אן אנדערע רמב"ם וואס רעדט וועגן דעם, אז ס'איז דא א דין פון ראטעווען אן אבר. דאס איז נישט נוגע אין פיקוח נפש אז מ'זאל נישט שטארבן.

## Speaker 1:

ניין, ס'שטייט נישט נוגע. ס'איז דא א דין אז מ'זאל נישט שטארבן. דאס איז נוגע אין פיקוח נפש. ס'שטייט דארט?

## Speaker 2:

יא.

## Speaker 1:

ניין, ווי? מ'זאל לעבן. סכנת נפשות. סכנת נפשות מיינט אז א מענטש גייט שטארבן. ס'שטייט נישט אין איינע פון די הלכות אז דאס אלעס רעדט מען אז ער גייט שטארבן מארגן אדער נעכטן. ס'שטייט אויף.

אבער וואס, ער וועט ווערן טרויעריג? העלאו? אז ער וועט פארלירן אן אבר. מ'הייסט אויך אז ס'גייט זיין א חולה שיש בו סכנה. ס'שטייט נישט אז... איך בין זיכער אז פון די הלכות, אויב ער וועט פארלירן אן אויג וועט ער אויך ווערן א סכנה. ס'איז נישט קיין שום אינפעקשאן אין די וועלט וואס א מענטש קען נישט... היינט האט מען זייער גוטע אנטיביאטיקס און עצות וואס איז אוועילעבל פאר די האנט. איך קען מיר נישט פארשטעלן אז ס'איז דא אזא זאך, אן עכטע אינפעקשאן וואס מ'קען נישט היילן דערפון. איך בין נישט מסכים אז ס'איז דא אזא זאך. חוץ אויב דו וועסט מיר זאגן ממש אז ער האט זיך צעבראכן זיין הענט, אפילו דעמאלטס דארף מען טראכטן. דארף מען טראכטן וואס טייטש די גדר פון סכנת נפשות, צו איז דא אפילו א חשש רחוק. נישט א חשש רחוק, ס'איז א חשש קרוב.

**הלכה ה: מכה בחלל גופו**

## Speaker 1:

שולחן ערוך גייט ווייטער, **"וכן מי שיש לו מכה בחלל גופו"**. עני מכה וואס איז אינעווייניג אין די גוף, וואס טייטש? פון די נאז און אראפ, ס'איז אינעווייניג פון זיין מויל, און ס'איז נישט קיין חילוק וואו ס'איז, ס'איז אינעווייניג אין זיין מויל, ס'איז במעיו, טיף אין זיין בויך, בכבדו, בטחולו, אין זיין לעבער אדער זיין טחול, עפעס א חלק פון די קישקע. **"או בשאר כל שיש בחללו, הרי זה חולה שיש בו סכנה ואינו צריך אומד"**. מ'דארף נישט קיין רופא מומחה זאל דאס אפשאצן, אפזאגן אז ס'איז א סכנה. וואנס דו ווייסט אז ס'איז א פראבלעם בחלל הגוף, **"חולי כבד"**, דאס הייסט א שווערע מחלה, א שווערע חולי, ער גייט שוין נאכאמאל אויף די כבד, אויף די לעבער. **"חולי כבד, דהיינו חולי כבד, הרי הוא מחלל עליו מיד בלא אומד"**.

ס'איז אינטערעסאנט, איך טראכט אז די ווארט איז "בלא אומד", אז מ'דארף נישט עקספערט אפשאצן. מ'קען ווייסן די כלל כללי אז ס'איז חלל גופו. איך מיין חלל גופו איז לכאורה די ווארט אז ס'איז עפעס וואס א מענטש קען נישט אפשאצן. היינט איז דא מאשינען מיט דאס. און די מינוט דו ווייסט נישט וואס די מחלה איז, און ס'איז עפעס וואס איז אינעווייניג אין די גוף, דארפסטו חושש זיין.

ניין, ניין, ער חזר'ט איבער די זאך. ער זאגט אזוי, **"וכן כל חולי של פנים, כל חולי של פנים, דהיינו, מכה שאינה נראית לחוץ, אלא שהיא בחלל הגוף, כגון הלב והמעיים, הרי זה סכנה ומחללין עליו את השבת."** דאס איז די ערשטע זאך.

**ספעציפישע סכנות: דם, צמרמורת, קורדייקוס, שחין, מכה בגב היד ורגל**

## Speaker 1:

און יעצט גייט ער ווייטער, **"וכן מי שאחזו דם, או מי שאחזו צמרמורת, או מי שאחזו קורדייקוס, או מי שאחזו השחין, או מי שאחזו מכה בגב היד ובגב הרגל, הרי אלו סכנה ומחללין עליהם את השבת."**

און יעצט גייט ער מסביר זיין וואס דאס איז. **"מי שאחזו דם, כיצד? לא שיצא לו דם ממכה או מחמת שחתך אצבעו, אלא שרואה דם שותת ויוצא לו דרך פיו, או שרואה דם שותת ויוצא לו דרך חוטמו, או שרואה דם שותת ויוצא לו דרך פי הטבעת, או שרואה דם שותת ויוצא לו דרך האמה, הרי זה סכנה ומחללין עליו את השבת."**

דאס איז די ערשטע זאך. די צווייטע זאך, **"מי שאחזו צמרמורת, כיצד? לא שנתקרר מעט, אלא שרעד ורועד כל גופו, הרי זה סכנה ומחללין עליו את השבת."**

**"מי שאחזו קורדייקוס, כיצד? לא שנשתטה מעט, אלא שנתבלבלה דעתו עליו, ואינו יודע מה שהוא מדבר, ואינו יודע מה שהוא עושה, הרי זה סכנה ומחללין עליו את השבת."**

**"מי שאחזו השחין, כיצד? לא שחין אחד, אלא שחין שפרח בכל גופו, הרי זה סכנה ומחללין עליו את השבת."**

**"מי שאחזו מכה בגב היד ובגב הרגל, כיצד? לא שחתך ידו או רגלו, אלא שנפחה ידו ונפחה רגלו, הרי זה סכנה ומחללין עליו את השבת."**

דאס איז וואס ער זאגט דא.

**רופאים'ס אפשאצונג און בולע נמלה**

**Speaker 1:**

און יעצט זאגט ער, **"וכן כל חולי שהרופאים אומרים שהוא סכנה, אף על פי שאינו באחד מכל אלו, מחללין עליו את השבת."**

און יעצט גייט ער ווייטער, **"וכן הבולע נמלה או צרעה, הרי זה סכנה ומחללין עליו את השבת."** מחמת לא חמא, בשבת מעג מען קאכן פאר אים הייסע וואסער בשבת, וואס איז אסור לכל צורך רפואה, ווען עס איז נישט קיין סכנת נפשות.

פארוואס זאגט ער דא די הייסע וואסער? זאגט ער דאס אז די הייסע וואסער איז די רפואה כאילו.

**הלכות שבת פרק ב – סכנת נפשות בשבת (המשך)**

**הלכה יא – הבולע נימא של מים**

**Speaker 1:** הבלע נימא של מים – אויב איינער שלינגט איין א ווארעם, עפעס אן אינסעקט, ווען ער טרינקט וואסער, דאס קען זיין א סכנה אינעווייניג אין דעם מענטש. איך ווייס, ס'קען ארוממאכן מוסקניג אינעווייניג אין די בויך. איז **מעג מען טון פאר אים חילול שבת, מחמין לו חמין בשבת,** מעג מען קאכן פאר אים הייסע וואסער בשבת, **ועושין לו כל צרכי רפואה, מנושאי סכנת נפשות.**

פארוואס זאגט ער דא די הייס וואסער? זעט אויס אז די הייס וואסער איז די רפואה, כביכול מ'מאכט אים טרינקען אסאך הייס וואסער צו וואס? אזוי סאמט עס.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** איז מנושאי סכנת נפשות.

**הלכה יא (המשך) – נשכו כלב שוטה**

**Speaker 1: וכן מי שנשכו כלב שוטה,** איינער וואס איז געווארן געביסן פון א כלב שוטה, **או אחד ממיני חיות רעות הממיתין,** עפעס א סארט שלאנג אדער קריכעדיגס וואס קען הרג'ענען, **אפילו הוא ספק ממית וספק אינו ממית** – אפילו מיר ווייסן נישט וועלכע מין, ער האט באקומען א ביס פון איינעם, מיר ווייסן נישט וואסערע מין חיה ס'איז געווען, ס'איז פון די חיות וואס איז ממית צו נישט, איז **עושין לו,** אויך **עושין לו כל צרכי רפואה להצילו.** אדער די חיה איז אזא סארט וואס נישט אלעמאל הרג'עט עס, איינמאל אין צען מאל.

**Speaker 2:** אדער, יא, אמת. אדער איז ער רבי עקיבא, נו, וועלכע איז נו, עלה לו לנחש, וואס האט געטראפן וועם? חנינא בן דוסא?

**Speaker 1:** יא, אקעי. ס'איז דאך געווען אזא מעשה, אז א מענטש איז א צדיק וואס די זוחלי עפר קענען האבן השפעה אויף אים.

**Speaker 2:** יא, דאס איז שוין א נס.

**Speaker 1:** א כלב שוטה מיין איך מיינט א רעביס, יא?

**Speaker 2:** א טעורן.

**Speaker 1:** אין ימי דעה אז מ'געט אונז עסן פון די לעבער פון דער כלב.

**Speaker 2:** יא.

**הלכה יב – צען מענטשן לויפן ברענגען גרוגרות**

**Speaker 1:** יעצט קען מען לערנען הלכות. ביז יעצט האבן מיר געלערנט כללים פון זאכן וואס הייסן אז ס'איז דא א חשש סכנה, יעצט קען מען לערנען א געוויסע הלכה וואס האט צוטון מיט וויפיל מענטשן אדער וויפיל חילול שבת מ'מעג מאכן פאר איטש חולה.

**Speaker 2:** מ'מעג מאכן.

**Speaker 1:** יא.

זאגט דער רמב"ם, **חולה שאמדוהו רופאים להביא לו גרוגרות להאכילו,** וואס די רופאים האבן אפגעשאצט אז מ'דארף אים ברענגען גרוגרות, און מ'דארף טון מיט חילול שבת, מ'דארף אראפרייסן – גרוגרות מיינט געוועגליך געטרוקנטע פייגן. לאמיר זאגן מ'דארף טראגן ברשות הרבים.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1: "רצו עשרה בני אדם והביאו לו עשר גרוגרות כאחת"** – צען מענטשן זענען געלאפן ברענגען א גרוגרת. **"כולן פטורין מכלום"** – זיי זענען אלע פטור פון סיי וואס, אפילו פון מכות מרדות, אפילו איך גיי אייך יעצט זאגן מיט תוספות, יא, ווייל אויב איז דא נאך א מינוט צו טראכטן, האט ער נאר איינער געווען. ער זאגט, אויב איז געגאנגען, ווען ס'איז געווען א בהלה, **"כולן פטורין מכלום".** אפילו ווי, ווי מ'זאגט אז ס'איז נישט א שוגג, ווייל ווי קען מען זאגן אז דער דריטער מענטש האט נישט געוואוסט אז מ'האט שוין געברענגט א גרוגרת? איז דאס א שוגג? איז ער געגאנגען בהיתר, איז ער חייב חטאת? ניין, ער איז פטור אינגאנצן.

**חידוש: פטור מכלום – לכתחילה לויפן**

אפילו ווי, ווי, איך מיין אז ס'מיינט אפילו מער פון דעם. ס'הייסט אז מ'מעג, דו זאגסט אז ס'איז נישט נאר א בהלה, ס'איז א גוטע זאך אז יעדער איינער לויפט, ווייל מ'דארף האבן מענטשן, **"כל הזריז בפיקוח נפש הרי זה משובח".** מ'דארף מענטשן זאלן לויפן. פונקט פארקערט, אויב מ'זעט צען מענטשן, איך זאג אז ס'איז א סיבה אז צען מענטשן זאלן לויפן. אבער אונז ווילן נישט אז מענטשן זאלן מורא האבן דערפון, זאגט מען "פטור מכלום". איך מיין אז ס'איז נישט דא קיין איסור בכלל. יעדער איד זאל לויפן. מ'זעט אז א איד דארפט א גרוגרת פאר שבת, יעדער איינער זאל לויפן ברענגען.

**Speaker 2:** "נע, איך האב מער עקספיריענס." דער דאקטאר זאגט, "איך גיי עס טון אליין."

**Speaker 1:** אקעי, דארף דא צען מענטשן זאלן האלטן אין איין ברענגען גרוגרות? ניין, איך מיין אז מ'זאגט "כולן פטורין מכלום" ווייל אלע האבן געטון. אזוי ווי ער זאגט שוין "כולן ברשות".

**פטור אפילו ווען דער חולה האט שוין געגעסן**

אפילו ווי, ווי, אפילו ווי די ראשונים, ס'טייטש, ווען דער צווייטער מענטש האט געטראגן ד' אמות ברשות הרבים, איז שוין דער חולה געווען, ער האט שוין געהאלטן אינמיטן עסן די ערשטע גרוגרת, ער האט שוין געהאלטן אינמיטן ווערן געזונט. איז דאך דער מענטש געברענגט בשעת ווען ס'איז שוין נישט געווען קיין פיקוח נפש. אבער ער איז יא פטור מכלום, **"שהרי כולן ברשות היו",** אלע האבן זיי געברענגט ברשות. ווייל ווען זיי זענען געגאנגען עס טון, איז דאך געווען א חולה שיש בו סכנה, און יעדער איינער האט געהאט די היתר אז ער מעג.

**הלכה יג – ריבוי בבצירה**

**Speaker 1:** אקעי. יעצט קומט ער צו די הלכה וועגן וויפיל. וואס איז ערגער? וואסערע איסור איז ערגער?

**Speaker 2:** יא, אבער ס'האט דאך צוטון מיט וויפיל, פון דעם קומט עס דא אריין.

**Speaker 1: "חולה שהיה צריך לשתי גרוגרות"** – ער האט געדארפט צוויי גרוגרות, **"ולא מצאו"** – ס'איז געווען צוויי אפציעס: אדער מ'האט געטראפן **"ולא מצאו אלא שתי גרוגרות בשני עוקצין".** עוקץ מיינט די צווייגל וואס ס'וואקסט. מ'האט געטראפן צוויי אפשענס: אדער איז געוואקסן דארטן אויף יעדע צווייגל האט געוואקסן נאר איין גרוגרת, ווייל מ'דארף צוויי גרוגרות דארף מען טון צוויי מאל די מלאכה פון קוצר, צוויי שטיקלעך אראפשניידן. אדער איז געווען די אנדערע אפשען איז געווען אז ס'איז געווען איין צווייגל וואס האט געהאט אויף זיך דריי גרוגרות.

זאגט די הלכה, **"כורת את העוקץ שיש בו שלוש, אף על פי שאינו צריך אלא לשתיים".** דאס הייסט, א מענטש וואלט געקענט טראכטן, וואס זאל ער טון? וואס איז ענדערש? זאל ער צוויי מאל שניידן, אדער זאל ער שניידן עפעס וואס איז מער? ער טראכט, אפשר איז עס הארבער, ווייל ער שניידט מער, ער שניידט מער גרוגרות. זאגט די הלכה, ניין, ער גייט אן עקסטערע

מער, ער דארף דאך נישט דריי, ס'איז דאך דא א דריטע דא וואס ער שניידט פאר גארנישט. דאס איז די ריעל פראבלעם, רייט?

**Speaker 2:** ניין, אבער ער שניידט דאך נאר די עוקץ, ער שניידט דאך נישט די גרוגרות.

**Speaker 1:** דאס איז די ענטפער. אבער ער שניידט מער. דאס איז די טעות, ער איז נישט גערעכט יענער מענטש, אבער ס'איז אינטערעסאנט זיין טעות.

#### טעם: כדי שלא ירבה בבצירה

די ענטפער איז אז **"כורת את העוקץ שיש בו שלוש, אף על פי שאינו צריך אלא לשתיים, כדי שלא ירבה בבצירה, אלא יכרות עוקץ אחד ולא יכרות שניים, וכן כל כיוצא בזה"**. דאס טייטשט, אויב איז דא צוויי אויף איין צווייגל, און מ'האט דא א צווייגל וואס האט דריי, זאל מען שניידן די צווייגל וואס האט נאר צוויי. פארוואס? דאס הייסט ריבוי בשיעורים? א גרעסערע איסור אין א געוויסע זין. וואס מיינט?

#### דיון: וואס איז ריבוי בשיעורים

אינטערעסאנט, ביידע איז די זעלבע עגזעקטלי די זעלבע קוצר. ער איז נישט עובר מער ווי איין שיעור, איין מלאכה. איז נאך אלץ דא א חילוק, אפילו עוד אין די שיעור, איז נאך אלץ ערגער ווען מ'שלעפט א גרעסערע בעג ווי א קלענערע בעג. אזוי זעט אויס, ריבוי בשיעורים.

**Speaker 2:** ווארט, נישט ווען ס'איז א חול טאר מען נישט.

**Speaker 1:** די מלאכה פון שניידן האט צוטון מיט וואס דו שניידסט, נישט די אפשניידן. ווען ס'איז נישט דא דארט קיין פירות, ביסטו נישט עובר אויף די מלאכה פון שניידן. די מלאכה איז אפצושניידן פירות. ער שניידט מער פירות, איז עס א גרעסערע איסור. ס'איז נאך אלץ איין מעשה פון שניידן, ער גייט נישט באקומען מער מלקות, ער גייט נישט באקומען דריי מלקות פאר דריי גרוגרות. ס'איז א גרעסערע איסור אבער.

**Speaker 2:** איז עס א איסור דרבנן צו דאורייתא?

**Speaker 1:** דאכט זיך מיר אז ריבוי בשיעורים איז א איסור דרבנן. דאכט זיך מיר אז ריבוי בשיעורים איז א איסור דרבנן. ביידע איז קוצר, ביידע איז קוצר, ביידע איז די זעלבע עקזעקטלי. ניין, ס'איז נאך אלץ א גרעסערע איסור. מ'טאר נישט למשל, באלד וועלן מיר זען, למשל א גרויסע טאפ, מ'טאר נישט לייגן א גרעסערע ריבוי בשביל מה שעושה. למשל, אז איינער וויל אפקאכן פאר א חולה, און ער קען לייגן א גרעסערע שטיקל פלייש צו האבן פאר אים אויך, טאר ער נישט. פארוואס טאר ער נישט? איי ס'איז די זעלבע פעולה, מ'טאר נישט.

אז איינער הרג'עט אן עלעפאנט איז א גרעסערע איסור ווי איינער הרג'עט א קאקראטש. בעיקר הדין ביידע איז די זעלבע לאו. אבער ס'איז א גרעסערע איסור, מ'טאר נישט מרבה זיין פאר גארנישט.

#### הלכה יד — המבשל לחולה בשבת והותיר

**Speaker 1:** אקעי. המבשל, יא, יעצט קענען מיר לערנען די נעקסטע הלכה. זאגט דער רמב"ם אזוי: **המבשל לחולה בשבת**, איינער האט געקאכט פאר א חולה בשבת, אזוי ווי מ'מעג טון, **ואכל החולה והותיר**, דער חולה האט געגעסן און איבערגעלאזט, איז די שאלה וואס טוט זיך מיט די עקסטערע, מעג דער בריא עסן פון די עקסטערע עסן?

זאגט די הלכה, **אסור לבריא לאכול מן המותר**, דער געזונטער מענטש טאר נישט עסן פון די איבעריגע עסן. פארוואס? ווייל **ס'איז א גזירה שמא ירבה בשבילו**, אז נעקסטע מאל וועט ער קאכן מער כדי צו האבן אויך פאר די בריא. אבער ס'איז נישט אזא קנס.

#### חילוק צווישן בישול און שחיטה

**אבל השוחט לחולה בשבת**, אויב איינער שעכט א בהמה פאר א חולה בשבת, איז יא **מותר לבריא לאכול ממנה בשר חי**, מעג דער בריא עסן פון די פלייש. פארוואס? **שאין בדבר תוספת כדי שנחוש שמא ירבה בשבילו**, ער האט נישט געמאכט מער, ער האט נאר געהאט די אפשן. לכאורה, שטייט דא, אויב נעמט ער א גרעסערע בהמה, האט ער יא אפשר א פראבלעם. אבער אויב ס'איז דא די איין אפשן, ער האט די טשיקן וואס ער שעכט, ער האט נישט געהאט די אפשן פון מאכן מער אדער ווייניגער, אין אזא פאל מעג מען יא.

**Speaker 2:** דאס הייסט, מ'איז נישט משנה, מ'איז נישט משנה בשיעור השחיטה.

**Speaker 1:** ס'איז דא אנדערע קעיסעס וואס מ'לערנט אפ פון אזא הלכה. ביי א גוי, ער האט געשחט'ן די גאנצע בהמה פאר די חולה, ס'איז נישט שייך צו שחט'ן א ביסל פאר די חולה. יעדע כזית פון די בהמה אדער די עוף וואס ער האט געשחט'ן, האט ער געשחט'ן פאר די חולה. מ'קען נישט מרבה זיין דא, מאכן ס'איז נישט שייך מרבה זיין. מ'מוז שחט'ן די גאנצע כזית אז די חולה זאל האבן וואס צו עסן.

אבער פארוואס זאל מען נישט טראכטן ריבוי שיעורים? קען דאך זיין אז נעקסטע מאל וועט ער זוכן א גרעסערע בהמה.

**Speaker 2:** איך מיין נישט די זעלבע זאך ווי אנפאנגען א גרעסערע טאפ?

**Speaker 1:** ניין, נעווערלי, איך ווייס נישט.

#### דער ראב"ד'ס הערה וועגן מוקצה

און אויף דעם קומט דער ראב"ד און ער זאגט א הערה אז אויב די בהמה איז געווען לעבעדיג ערב שבת, איז דאך עס געווען מוקצה, ווייל עס איז נישט געווען ראוי צו עסן. זאגט דער ראב"ד, דאס האט דעם רמב"ם נישט געבאדערט. ניין, ממילא זאגט דער ראב"ד, ער מוז האבן שוין געווען דער חולה אין בית דין, ממילא די בהמה איז געווען ראוי פאר די חולה צו קענען שעכטן. אקעי, דאס איז שוין.

#### דיון: דער חילוק צווישן בישול און שחיטה

אבער דאן, איך בין יא נייגעריג וואס איז דער חילוק, פארוואס זאגט מען נישט למשל גזירה שמא ירבה דאך נעקסטע מאל? נישט גזירה שמא ירבה, גזירה שמא נעקסטע מאל וועט ער זען אז מען מעג, וועט ער טראכטן, אה, איז דאך דא די זעלבע חשש אויף די שוחט, ער וועט נעמען די גרעסערע קו, די גרעסערע טשיקן.

**Speaker 2:** ס'איז נישט קיין חילוק, ווייל דעמאלטס גייט ער נאך אלץ... ריבוי שיעורים מיינט גארנישט נעמען א גרעסערע קו.

**Speaker 1:** פארוואס איז א גרעסערע קו אדער א גרעסערע טאפ, וואס איז דער חילוק? ביי ביידע טוסטו דאך א מלאכה פון מבשל אדער א מלאכה פון שוחט.

**Speaker 2:** רייט, ביי די גרעסערע טאפ, ס'קען זיין מותר צו שעכטן די גרעסערע קו, ווייל מען דארף האבן א גאנצע קו פאר איין חולה. מען דארף עניוועי שעכטן א גאנצע בהמה.

**Speaker 1:** אבער פארוואס זאלסטו נישט אנגיין אז א גרעסערע קו איז ריבוי בשיעורים?

**Speaker 2:** ווייל מען דארף נישט קיינמאל די גאנצע טאפ כדי דער חולה זאל האבן איין שטיקל. ווי גרעסער די טאפ מאכסטו א גרעסערע איסור, אדער דו לייגסט אריין איגרא, אבער די בהמה איז דאך נאר דא איין בהמה, און מען מוז האבן די גאנצע. ס'איז נישטא קיין גרעסערע מצוה.

**Speaker 1:** דו האסט דאך געזאגט פריער אז ס'איז א גרעסערע איסור צו שעכטן א גרעסערע בהמה, איז נישט ריכטיג לכאורה.

**Speaker 2:** ס'איז א גרעסערע איסור צו קאכן מער, דאס איז פשוט די חילוק.

**Speaker 1:** אויב דו גיסט אריין נאכאמאל אין די טאפ איז נאך א מעשה, אבער ער לייגט אראפ א גרויסע טאפ אויף די פייער. וואס איז די חילוק וועלכע סייז טאפ ער לייגט אראפ אויף די פייער? ס'איז נישטא קיין מעשה פון לייגן א טאפ אויף די פייער.

**Speaker 2:** ניין, די מעשה פון בישול איז צו קאכן א שטיקל פלייש, נישט צו לייגן זאכן אויף די פייער.

**Speaker 1:** אלעמאל די מעשה איז די תוצאה איז פארט פון די מעשה. אזוי האבן מיר געלערנט אין גאנץ הלכות שבת, די פריערדיגע פרק אין אלעמאל. די תוצאה פון שחיטה איז אנדערש פון די תוצאה פון... וויאזוי הייסט עס? פון קאכן. שחיטה איז נאר דא א זאך איין בהמה. קאכן איז דא א גרעסערע שטיקל, מער פלייש און ווייניגערס. אפשר אפילו א גרעסערע שטיקל איז מער און ווייניגער. ס'איז א חילוק אויב ס'איז איין שטיקל אדער צוויי שטיקלעך.

**הלכות שבת פרק ב: חולה שאין בו סכנה ויולדת**

**חולה שאין בו סכנה – הלכה י**

**Speaker 1:**

אלעמאל די מעשה איז די תוצאה, פרט פון די מעשה, אזוויי מיר האבן געלערנט אין גאנץ הלכות שבת, די פריערדיגע פרק און אלעמאל. די תוצאה פון שחיטה איז אנדערש פון די תוצאה פון, וויאזוי הייסט עס, פון קאכן. שחיטה איז נאר דא א זאך איין בהמה, קאכן איז דא א גרעסערע שטיקל, מער פלייש און ווייניגער. ס'איז אפשר אפילו א גרעסערע שטיקל, מער און ווייניגער, ס'איז נישט קיין חילוק אויב ס'איז איין שטיקל אדער צוויי שטיקלעך, ס'איז זייער אנדערש.

אקעי. יעצט, עד כאן האבן מיר געלערנט... אוודאי איז עס אנדערש, אוודאי איז עס אנדערש, זייער אנדערש.

**מעבר לחולה שיש בו סכנה**

יעצט גייען מיר לערנען וועגן א חולה שאין בו סכנה. ביז יעצט האבן מיר געלערנט חולה שיש בו סכנה, וואס דאס איז די עיקר היתר פון סכנת נפשות. יעצט גייען מיר לערנען וועגן זאכן וואס זענען נישט ממש א סכנה. חולה שאין בו סכנה איז אויך דא קולות, אבער פארשטייט זיך נישט אז מ'זאל נישט אזוי וויט, מ'איז נישט מתיר געוועזן די שבת. וואס מ'איז יא מתיר געוועזן איז שבות.

**לשון הרמב"ם**

אזוי זאגט ער, **חולה שאין בו סכנה, עושין לו כל צרכיו על ידי גוי.** אה, סארי, און מ'מעג טון זיינע צרכים אין שבת דורך א גוי. **כיצד? אומרים לגוי לעשות לו, והוא עושה.** וואס מיינט דאס כיצד? מ'מעג זאגן פאר די גוי צו טון מלאכות פאר די איד, והוא עושה, און די גוי טוט. מ'מעג אים זאגן **לבשל לו, ולרפאותו, ולחמם לו חמין, וכיוצא באלו.**

**וכן,** די זעלבע זאך, איז דא א הלכה אז **כוחל עינו מן הגוי בשבת, אף על פי שאין שם סכנה.** דאס הייסט, אויב ס'פעלט אויס פאר די איד מעדיצין, יא, אפילו ס'איז נישט קיין ענין פון סכנה.

**קשיא: וואס לייגט ער צו מיט די "וכן"?**

וואס לייגט ער צו מיט די "וכן"? דאס הייסט, אפילו דער מענטש איז בכלל נישט קיין חולה, נאר סתם זיין אויג טוט אים וויי, דאס הייסט, חולה שאין בו סכנה. וואס לייגט ער צו מיט די כוחל? ס'איז לכאורה אויך א סארט חולה שאין בו סכנה, עקזעקטלי. אזוי זעט עס אויס. מ'קען וויסן צו מ'דארף האבן די כח קולא, בכלל איז אפשר נאר עס איז שווער, ס'איז נאך מער קאל.

**המשך לשון הרמב"ם – זאכן וואס זענען מותר אפילו לישראל**

אקעי, זאגט דער רמב"ם, אבער וואו מ'האט געזאגט "צורכי בן מלאכה", דאס איז ווען א חולה שאין בו סכנה מ'דארף טון חילול שבת. אבער סתם טון זאכן פאר א חולה שאין בו סכנה וואס איז נאר לאמיר זאגן א טרחה, אבער וואס איז מותר בשבת אפילו ישראל, פארוואס מ'טראכט נישט למשל אז אפשר גייט... וואס? איין מלאכה מדרבנן? יא.

אז דער פשט איז, **לפיכך מלין אוזניים בשבת.** וואס מיינט מלין אוזניים? איך ווייס נישט וואס מ'פיקסט אין די אויער. אן אויער וואס האט זיך געדרוקט, מ'ברענגט עס צוריק ארויף, איך ווייס נישט. די אויער איז איינגעזונקען, אויב איינער ווייסט וואס דאס איז, איך ווייס נישט. **ומלין ענקלי,** וואס טייטשט מלין ענקלי? אויך עפעס ווען די ביין איז ארויס פון פלאץ, **אדער מחזירין את השבר,** א מענטש האט זיך עפעס צובראכן, א הערניע, מ'רוקט ארום אין די גוף, דאס זענען זאכן וואס זענען נישט קיין איסור בשבת, אדער דו זאגסט אז ס'איז נישט קיין איסור גמור, עפעס א שטיקל איסור איז עס?

**Speaker 2:**

ס'איז נישט שווער פון פשטות, נאר שווער פון וואס מ'איז מטפל אזוויי טעראפי, אזוויי משום שחיקת סממנים צו וואס?

**ביאור דעת הרמב"ם – מלאכה דאורייתא דורך גוי, מלאכה דרבנן דורך ישראל**

**Speaker 1:**

דער פשט פון די דעת הרמב"ם אין די פרק, אזוי איז דער מגיד משנה און די רב און אנדערע מפרשים מיט, אז דער רמב"ם האלט אז חולה שאין בו סכנה מעג מען טון אזוי, מ'מעג טון אדער א מלאכה דאורייתא דורך א גוי, אדער א מלאכה דרבנן דורך א איד. אזוי לערנען די רמב"ם מפרשים. איז דא א פראבלעם, פארשטייט זיך, אזוויי דו דערמאנסט, ווייל ס'איז דא אן איסור צו מאכן שחיקת סממנים. סאו פון וואן רעדט יעצט? מוז מען טרעפן א זאך אז אונז רעדן אפילו נישט פון א חולה שאין בו סכנה.

מוז מען זאגן אז ס'איז א בורי, וואס מ'האט מורא אז ס'וועט זיך מאכן אביסל בעסער. א בורי, דברים שאין מתכוון, מעג מען אפילו... סאו ס'מוז זיין א פתח, פונעם דארף מען ארויסנעמען אז א חולה שלא נפל למשכב איז דאך דא א פתח. נישט ממש קראנק, מילא, דעמאלט איז דא אן איסור, דעמאלט בלייבט יא די איסורים. דעמאלט איז אפשר דא געוויסע זאכן דא וואס זענען נישט קיין מלאכה בכלל, וואס זענען מותר.

דאס הייסט, דער רמב"ם איז נישט קלאר וואס ער זאגט. "אין בה מלאכה" - מיינט ער צו זאגן מלאכה דאורייתא? יא, אזוי איז די פשטות. אבער די פשטות וואס שטייט דא איז אז א חולה שאין בו סכנה מעג מען טון מלאכות דרבנן.

**דער יסוד: במקום חולי לא גזרו רבנן**

וואס איז די ענין? דאס האט נישט צו טון מיט די עיקר הדין פון פיקוח נפש. ס'איז אויך עפעס א סניף, ווייל ס'איז אויך עפעס א ווייטערע חשש שרופא כסכנה. ס'איז אויך אונטער די זעלבע גדר פון חולה.

**Speaker 2:**

וואס? די לשון הדעת איז "במקום חולי לא גזרו רבנן".

**Speaker 1:**

יא, איך מיין אז דאס איז וואס דער רמב"ם לייגט עס צוזאמען. ס'איז נישט וועגן סכנה הפשוטה. אויב ס'איז א סכנה הפשוטה, איז עס צוריק חולה שיש בו סכנה.

**וואס מיינט "ספק"**

גוט, מ'דארף וויסן וואס דאס מיינט "ספק". ספק מיינט נישט אז ס'איז דא א ווייטע טשענס. יעדן טאג איז דא ווייטע טשענסעס. ספק מיינט עפעס וואס מענטשן פארשטייען אז ס'איז א ספק. עפעס וואס מענטשן פארשטייען, ספק רופט מען יעצט אן א ספק. ספק מיינט אז ס'איז דא אן אפשען, א ווידל אפשען.

ניין, ווען איך נעם דיר א חולה שאין בו סכנה, איז אפילו ס'איז נישט קיין ספק פיקוח נפש, אבער ס'איז גארנישט. חולה שאין בו סכנה מיינט אזוויי די גמרא זאגט, אז ער האט אביסל ווי אין מ'לייגט א קערכל. ער האט צעבראכן אביסל זיין ביין, ס'איז נישט געשען גארנישט, ער האט נישט קיין שום אינפעקשן, ער האט נישט קיין שום מכה, ס'איז נאר אביסל א ווייטאג. דעמאלט איז עס א חולה שאין בו סכנה, א מקום צער אדער א מקום חולי.

**דער יסוד פון "וחי בהם"**

ס'איז אן ערך בכלל. פרעגסט דאך נישט אלץ די ערך פון "וחי בהם". אז די תורה איז נישט געקומען צו רודפ'ן אידן. איך מיין אז יא, אבער דאס איז

שוין מער אזוויי די נושא פון טעמי המצוות מיט השקפה, אזוויי מ'האט גערעדט פריער. די הלכה איז אז די חכמים זענען נישט גוזר ווען מ'איז געזונט, ווען ס'גייט גוט. די חכמים זענען נישט גוזר פאר שווערע זאכן.

---

## יולדת – הלכה יא

### דין יולדת כשכורעת לילד

אקעי. וואס איז די דין מיט א יולדת? זאגט דער רמב"ם, **"היולדת כשכרעה ללד"** - ווען זי האלט שוין ממש ביים געבוירן, זי בייגט זיך שוין אראפ צו געבוירן. איך ווייס נישט פונקטליך וואס ס'מיינט "כרעה". אבער ס'זעט אויס אז אזוי איז געווען די סדר פון די פאלטאווע רב אין ליובאוויטש אפשר. אמאליגע צייטן פלעגט מען מוליד זיין בכריעה, האנט מאכט מען ס'איינגעבויגן אראפ. אהא.

**איז א ראיה צו סכנת נפשות, איז בגדר סכנת נפשות, און מחללין עליה את השבת.** זאגט ער, למשל וואס מ'מעג טון? **קורין לחכמה,** מ'מעג רופן א חכמה, מ'מיינט א פרוי א מיילדת. מ'מעג איר טראגן **ממקום למקום,** סאטש ווי למשל גיין אין חוץ לתחום אדער קדימה. **וחותכין את הטבור,** מ'מעג אפשניידן די טבור פון וואס די קינד קומט ארויס. וואס איז די חיתוך הטבור? איז דאך לכאורה א איסור פון גוזז אדער שניידן, אזוויי א מלקט, גוזז, יש מתקן, וואטעווער, איינע פון די אבות מלאכות. **וקושרים אותה,** מ'מעג מאכן א קשירה אויף די טבור, קשר של קיימא אדער וואס.

### מדליקין לה את הנר – אפילו סומא

ווייטער, **ומדליקין לה את הנר בשעה שהיא מצטערת בחבליה,** אויב זי דארף א לעכט ווען... איך ווייס נישט פארוואס ער ווארפט אריין די ווארט "בשעה שהיא מצטערת בחבליה".

## :Speaker 2

יא, ווייל דאס איז די לופט ווען זי שרייט.

## :Speaker 1

די לעכט האט נישט צוטון מיט די שרייען. ס'האט צוטון, ליין. אקעי, **מדליקין לה את הנר.** זאגט ער, **ואפילו היתה סומא,** אפילו אויב זי קען נישט זען, **שדעתה מיושבת עליה בנר אף על פי שאינה רואה,** זי איז רואיגער אז ס'איז דא א לעכט.

### קשיא: וואס איז דער חידוש?

איך ווייס נישט, ער האט שוין פריער געזאגט ביי א חולה שיש בו סכנה אז מ'מעג אנצינדן א לעכט, סאו איך ווייס נישט וואס דא איז צוגעקומען מיט די נייע חידוש. מ'מעג טון אלעס, מ'מעג קאכן, באקן, שעכטן.

לאמיר פארשטיין זייער היימיש און אונזער לעבן. איז דא א חידוש אז דאס איז געשעטאנען, לכאורה די ווארט איז געווען אויך ביי א רעגולער חולה, אז דאס האט ער געזאגט פריער אז מ'מעג אנצינדן א לעכט, איז נישט קיין חילוק צו די חולה זעט עס צו נישט.

### ביאור: יולדת איז אן אייגענע מציאות

לאמיר זיין זייער קלאר, די אלע הלכות, אזוויי יעדע הלכה אין די וועלט, איז דא כללים, און נאכדעם לערנט מען די גמרא'ס, נישט נאר די גמרא'ס, ס'מיינט ס'איז א פראקטישע זאך, מ'מאכט זיך כסדר ביז די הלכה איז. יעצט, באלד אז מ'זעט אין א מינוט אז ביי א יולדת איז נישט אלעס די זעלבע עקזעקטלי ווי יעדער חולה שיש בו סכנה.

בכלל ווען מ'זאגט א חולה שיש בו סכנה, פשוט, ס'מיינט נישט אז מ'גייט שטארבן. דאס איז א טעות קלאר. רוב יולדות שטארבן נישט, נישט היינט און נישט קיינמאל נישט. אמאל איז געווען מער א סכנה. ווען ס'איז דא א סיטואציע וואס ס'שטייט אין הלכה חולה שיש בו סכנה, איז דא א געוויסע היתר. דאס הייסט חולה שיש בו סכנה, ווען מ'מעג טון זאכן. אבער נישט יעדער חולה שיש בו סכנה איז די זעלבע ווי יעדער אנדערער חולה שיש בו סכנה. מיר גייען דא יעצט זען, א יולדת איז דא געוויסע זאכן וואס מ'קען זיין מער מקיל.

איך ווייס נישט אויב ס'שטייט אז ביי יעדער חולה איז מען מדליק א נר, אפילו אז א סומא. ס'שטייט נישט. א יולדת איז אזא סארט סיטואציע וואס איז געוועונליך אלעמאל די זעלבע. אבער אויב די יולדת אין איר קאפ איז אז מ'דארף האבן א נר, גיבט מען איר א נר. ס'איז א חידוש. ס'איז דא אין דעם א געוויסע חידוש. מ'קען עס ארויסלערנען פון די פריערדיגע הלכה, אפשר. פארדעם שטייט עס טאקע ווייל ס'איז ריכטיג. אבער ס'איז נאך אלץ א געוויסע חידוש, און ס'גייט יעצט זיין א געוויסע חומרא וואס איז דא ביי א יולדת וואס איז נישט דא ביי א געוועונליכער חולה שיש בו סכנה.

### המשך לשון הרמב"ם

## "ואם היא צריכה לשמן וכיוצא בו, גם כן מביאין לה מה שהיא צריכה".

### חומרא ביי יולדת: כל שאפשר לשנות משנין

זאגט ער אבער, ביי א יולדת איז אבער דא א דין אז אויב מ'קען טון זאכן דורך א שינוי אז ס'זאל נישט זיין קיין געהעריגע מלאכה, מעג מען, **כל שאפשר לשנות משנין.** בכלל ס'ווארט, אה, משעת הצורך דוקא, אדער מיינט עס יעדע מלאכה זאל מען טון באופן... איך רעד פון די דוגמא. יא, די דוגמא וואס ער האט געזאגט אז מ'ברענגט א שמן אדער מ'ברענגט א חכמה, איז אויב קען מען בשעת הצורך עס טון דורך א שינוי, כדאיתא בגמרא **"טובא לחברתה קיילי תלי לה בסערה".** מ'דארף האבן א קיילי, אבער אנשטאט זי זאל עס האלטן אין איר האנט, זאל זי עס ארומבינדן אין איר האר. טוט זי עס דורך א שינוי, איז עס א שוואכערע איסור, נאך אלץ א איסור תורה בשבת, אבער וויבאלד ס'ווערט אויסגעארבעט דורך א שינוי, זאל מען עס טון דורך א שינוי.

### דער חילוק צווישן יולדת און חולה שיש בו סכנה

ס'איז אנדערש ווי ביי א חולה שיש בו סכנה. וואס מיר האבן געלערנט אז ס'איז כלל לכל דבר, און מ'זאל נישט זוכן צו מאכן אזעלכע... און דו זעעסט דאך דא אויך אז די פרוי ברענגט, יא? מ'הייסט פרויען נישט טון, נישטא ביה לחברותא. ווייל דאס איז די סייעתא דשמיא, דאס איז די היתר פון אויך נישט הייסן פרויען טון. קען זיין ווייל

### יולדת: חילוק בין יולדת לחולה שיש בו סכנה, והלכות מיילדין

### חילוק בין יולדת לחולה שיש בו סכנה לענין שינוי

## :Speaker 1

איז עס אנדערש ווי ביי חולה שיש בו סכנה, וואס מיר האבן געלערנט אז ס'איז ככל לכל דבר, און מ'זאל נישט זוכן צו מאכן אזעלכע... און דו זעעסט דאך אויך אז די פרוי ברענגט, יא? מען הייסט פרויען נישט טון, נישט אזוויי לעכער חברותא, ווייל דאס איז די סדר, וואס איז די איסור פון אויך נישט הייסן פרויען טון. קען זיין ווייל יעדער איינער ווייסט אז א יולדת איז א סכנה, ס'איז נישט קיין זאך וואס אפשר צו נישט וויסן, מ'האט עס געקענט פשוט, דאס איז די סדר, אזוויי דו זאגסט. די סדר איז די סדר, מ'דארף נישט שטיין אויפ'ן קאפ.

וועגן דעם אפשר, אויב ס'איז נישט דא... ווייל כדרכה צאלכע תחילה, אויב ס'איז שייך, זאל מען עס טון מיט א שינוי. סא דער מגיד משנה האט דא פארשטאנען, אזוי איז די פשט פון דער רמב"ם, אז געוועונליכע חולה שיש בו סכנה, איז נישט דא קיין שום ענין צו מאכן א שינוי, מ'מעג מאכן לכתחילה, מ'דארף זיך אפילו נישט זוכן שינויים, מ'טוט לויט די הלכות דאורייתא. ביי א יולדת, זאגט דער מגיד משנה, וויבאלד אז למעשה איז נישט קיין חולה, ס'איז א נאטורליכע זאך, ס'איז א זאך וואס יעדער איינער געבוירט קינדער, און רוב מענטשן שטארבן נישט מחמת לידה, ס'איז טאקע א מצב פון סכנה, אבער געוועונליך שטארבט מען נישט, איז דא די חומרא אז מ'זאל מאכן א שינוי. דאס איז די שיטה פון דער מגיד משנה.

ס'איז געווען אנדערע ראשונים, למשל דער רמב"ן ברענגט, ער האט געהאלטן אז יעדע פיקוח נפש בעצם, אויב מ'קען זאל מען מאכן א שינוי. אבער די הלכה איז נישט אזוי, די פוסקים פסק'ענען אזוויי דער רמב"ם, אז

נאר ביי א יולדת איז דא די ענין, און דאס איז יענץ אויך נאר אויב מ'קען, אבער געווענליך א חולה שיש בו סכנה דארף מען נישט מאכן קיין שינוי.

**קשיא: פארוואס איז א יולדת אנדערש?**

## Speaker 2:

ווייל דער רמב"ן איז אביסל גרינג צו פארשטיין, ווייל איינמאל מיר האבן געזאגט אז די יולדת איז בגדר סכנת נפשות, פארוואס דארף נאך זיין נאכדעם א חילוק?

## Speaker 1:

איך פארשטיי, ווייל אזוויי דו זאגסט, יעדע סכנת נפשות איז גלייך צו יעדע זאך, מ'דארף וויסן די כללים פון די סארט זאך. אבער מיר האבן געלערנט פריער אז יעדע סכנת נפשות דארף מען אפשאצן, דאס איז געווען די ווארט. איינמאל מיר האבן געגעבן א גדר סכנת נפשות, דארפסטו נישט אפשאצן. אבער א יולדת איז נישט קיין עכטע חולה שיש בו סכנה. ס'איז א רעאליע סכנת נפשות, אזוויי מיר האבן געזאגט פריער, א רעאליע סכנת נפשות. ס'איז א דין, דער רוב זאגט. און אויך מ'פלעגט געשטארבן, יא, רחל איז געשטארבן, און נאך מיליאנען נשים זענען געשטארבן. איין אחת מאלף מתה מחמת לידה. קוק וואס דער מגן אברהם זאגט, אפשר איז עס א גוזמא, אבער עס איז דאך דא א חילוק פון נארמאלע זאכן.

מ'טאר נישט נארמאלע זאכן, מ'פלעגט נישט שטארבן יעדער איינער, נאר אויב ס'איז געווען א קאמפליקעישאן. א נארמאלע לידה דארף מען נישט צו שטארבן. דאס וואס היינט שטארבט מען נישט מחמת לידה איז פארוואס? דו זעסט אז מ'טוט עפעס מעדזשיק וואס מ'האט נישט געטון אמאל?

## Speaker 2:

יא, מ'געבט אכטונג אויף באקטעריע און זאכן, אלעס איז סטעריליייזד. דאס איז וואס זיי זאגן, ווען מ'נוצט טולס איז עס אלעמאל גע'סטעריליייזד'טע טולס.

## Speaker 1:

אקעי, ס'איז א קלייניגקייט, אבער רוב מאל איז נישט דא קיין אינפעקשאן לכתחילה, ס'איז נישט... ס'מאכט זיך, ס'איז נישט קיין נארמאלע זאך, ס'איז א קאמפליקעישאן.

**הלכה יא: אין מיילדין את הגויה בשבת**

## Speaker 1:

שוין, איינס. ווייטער, זאגט ער למעלה די הלכה וואס דו האסט יעצט געלערנט, דאס איז בעצם א קלארע הלכה. ער זאגט דיר א הלכה אין יולדת, א דין אין יולדת וועגן שבת. **א פרוי וואס איז א חכמה וואס העלפט פרויען געבוירן, טאר נישט מיילד זיין א גוי'טע בשבת אפילו בשכר.**

## Speaker 2:

אויב דארף זי טון מלאכות אדער אפילו אן דעם?

## Speaker 1:

ליין, ליין. **ואין חוששין לאיבה.** נארמאלערהייט זאגט מען א געוויסע הלכה, זאגט מען אז מ'מעג טון אפילו פאר א גוי וועגן... נישט אלע גוים חוששין משום איבה. אין גמרא זאגט מען אז בשכר איז דא א חשש איבה, אבער דא זאגט מען אז מ'איז נישט חושש לאיבה, אפילו ס'איז נישט דא קיין חילול שבת.

די גמרא זאגט אז מ'קען זאגן פאר די גוי'טע אז ביי אונז איז נאר מותר מחלל שבת זיין פאר אידן וואס האלטן שבת, און די גוי'טע טאר נישט פארשטיין סופאזעדלי, און ממילא מעג מען. דאס הייסט, אין חוששין לאיבה במקום שאין איבה, אבער יש חוששין לאיבה במקום שיש איבה. אין חוששין לאיבה מיינט אז די גוים פארשטייען דאס, מ'האפט אזוי, אדער אויב מ'ווייסט אז די גוים פארשטייען דאס. אזוי זאגט די גמרא אז זיי פארשטייען.

## Speaker 2:

די גוים דארפן גלייך פאלגן די גמרא?

## Speaker 1:

איך רעד אויב זיי זענען גוים תלמידי חכמים, אבער אויב זיי זענען עם הארצ'ישע גוים איז א פראבלעם. אקעי, איך רעד אין די ריעליטי. די גמרא רעדט... איבה דארף מען נאך אויך וויסן, און מאכט עס נאכנישט פאר א חשש סכנה. איבה איז אפשר א ווייטערע, איך ווייס נישט, טשארט פאר אידן לאנג דאון די ראוד.

די פוינט איז, מ'טאר אויפן תלמיד נישט מיילד זיין, לויט די גמרא טאר מען נישט מיילד זיין קיין גוים. דער רמב"ם האט שוין געברענגט, און מיר האבן געלערנט פריער אין הלכות עבודה זרה האבן מיר געזאגט וועגן אין הלכות מילה, יא, מ'טאר נישט אויסהיילן גוים, און מ'טאר אויך נישט מיילד זיין גוים, ווייל די גמרא זאגט אז מ'איז מיילד א בן לעבודה זרה. מ'דארף נישט זיין מער רחמנות ווי דער אייבערשטער.

די פראבלעם דא איז נישט מיט דין שבת, אבער אין מיטן די וואך מוז מען עס קענען, אויף א גאנץ יאר איז דא אן איסור פון העלפן א גוי. מ'מעג אים אפילו וועגן משום איבה, אבער געווענליך איז דא אן איסור.

שבת איז דא א גוטן תירוץ, מ'קען זאגן פאר די גוי, ס'איז שבת, ס'איז אונזער שבת. אקעי, דער גוי פארשטייט נישט די היתר פון פקוח נפש, די פסוקי התורה. ער זאגט פאר די גוי, איי, דער גוי האט געהערט אז ביי אידן איז מען מחלל שבת, אקעי, פאר אידן איז דא ספעשל פראטעקשן. אזוי טענה'ט די גמרא. אבער אין די פראקטיש דארף מען קוקן און זיך נאכפרעגן וואס צו טון.

**מיילדין את בת גר תושב**

## Speaker 1:

**אבער מיילדין את בת גר תושב**, א טאכטער פון א גר תושב, וואס דאס איז איינער וואס איז נישט פולי א איד, אבער ער האט מקבל געווען שבע מצוות בני נח און ער וואוינט צווישן אידן, וואס דעמאלטס האבן אונז יא געוויסע אחריות פאר די קינדער פון די גר תושב, **"שאין לנו מצווין להחיותה"**, אויף אים האבן מיר יא א מצוה אים צו העלפן און אים צו געבן לעבן. איז ממילא א גאנצע וואך פארשטייט זיך, אויב ס'איז נישט דא קיין חילול שבת מעג מען. אבער שבת, **"ואין מחללין עליה את השבת"**, ווייל ס'איז דאך נישט א איד וואס דארט איז דא די דין פון מחייבין עליהם, און אזוי ווייטער, און מ'מעג מחלל שבת זיין. מ'איז נישט מחייב אים פאר יענעם, מ'איז מחייב אים.

**חידוש: דער היתר פון פיקוח נפש איז ספעציפיש פאר אידן**

## Speaker 1:

דער רמב"ם זאגט דא א נייע היתר, דער רמב"ם האט נאכנישט געזאגט געהעריג וואס די היתר איז. דאס הייסט, דו זאגסט דא אז א מענטש איז אליינס אין א סכנה, מעג ער זיך ראטעווען אפילו מיט אן עבירה. אבער דא איז נאך דא אן עקסטרע היתר אפשר, אז מ'ראטעוועט א צווייטע איד, דאס הייסט פקוח נפשות או לרפאות, און דאס איז נישט דא אפילו פאר א גר תושב. דער גר תושב אליינס מעג, ער האט נישט געהיטן שבת בכלל.

**הלכה יג: שיעורי זמן פון יולדת**

## Speaker 1:

אקעי, איז דאס איז א יולדת ווען זי איז אין א מצב פון סכנה. יעצט קען מען לערנען נאך לעוועלס פון די לערערס וואס מיר האבן פריער געלערנט, איז משכורעת, אדער פון ווען זי הייבט אן ממש געבוירן. אז זי ווערט גערופן א חיה. איז חיה א פרוי וואס גייט האבן א קינד, ס'איז דא א לשון חיה.

## Speaker 2:

דו געדענקסט "כי חיות הנה" וואס שפרה און פועה זאגן?

## Speaker 1:

ניין, חיה איז דער טייטש.

## Speaker 2:

אקעי, דארט איז חיה טייטש אן אשה יולדת.

### Speaker 1:

טייטש, איך ווייס נישט וואס איז דער טייטש. אקעי. איז **"משיראה דם לידתה עד שתלד"**, פון ווען ס'הייבט נאר אן דעם בלוט ביז זי געבוירט, און די זעלבע זאך **"אחר שתלד עד שלשה ימים"**, ביז דריי טעג נאכ'ן קינד, דאס איז די **מחללין עליה את השבת ועושין לה כל צרכה.**

**קשיא: חילוק צווישן "משתשב על המשבר" און "משיראה דם לידתה"**

### Speaker 2:

נאכאמאל, פריער האט ער געזאגט "משתשב על המשבר".

### Speaker 1:

נאכאמאל. זייער גוט, פריער האט ער געזאגט אז ס'איז סכנת נפשות.

### Speaker 2:

יא. דעמאלטס הייסט זי א יולדת, דעמאלטס איז סכנת נפשות. אבער דא רעדט ער אויך פון א חיה.

### Speaker 1:

אבער דא רעדט ער אויך פון "כריעת לילה", דאס איז די שיעור איז "כריעת", נישט "משיראה דם לידתה".

### Speaker 2:

אמת, ביידע זענען א שיעור. ס'איז א גוטע קשיא.

### Speaker 1:

ס'איז א גוטע קשיא. נישט נאר אונז ווייסן נישט די תירוץ, די אנדערע מענטשן האבן אויך נישט געוואוסט. דאס איז ביז איידער...

ווייל "כריעת לילה" איז נישט קיין קלארע סימן פון ווען זי הייבט זיך אן, ווייסט? און דא איז דא מער קלארערע, ווען מ'זעט אויף די גוף, מ'זעט די "דם לידתה עד שלשה ימים", **מחללין עליה את השבת ועושין לה כל צרכיה, בין שאמרה צריכה אני בין שאמרה איני צריכה.** נישט קיין חילוק צו זי האלט אז זי דארף די ווארעמע זאך צו זי האלט אז זי דארף נישט, מ'טוט איר אלעס. דאס איז פון לידתה ביז דריי טעג. אבער פון דריי טעג...

### Speaker 2:

וואס הייסט "אלעס"? למשל, אונז אין א לעכט האבן מיר געלערנט אז נאר אויב זי פילט אז ס'העלפט איר.

### Speaker 1:

אבער אונז אין א לעכט איז בדרך כלל, בפשטות, נישט א הילף. עניטינג וואס אונז ווייסן אז ס'איז א הילף, אפילו זי זאגט "איני צריכה", ווייסן אונז אז יא, דאס איז אן ענין פון סכנת נפשות און מ'מעג.

**פון דריי טעג ביז זיבן טעג**

### Speaker 1:

**"משלשה עד שבעה"**, נאך דריי טעג נאך די לידה ביז זיבן טעג, איז אזוי: **אם אמרה "איני צריכה"**, אויב זי זאגט "איך דארף נישט די מלאכה, איך דארף נישט די הילף", **אין מחלל עליו.** אבער אין שעת וואס ער שווייגט, נעמען אונז דאס אן ווי א הסכמה. **מחללין עליו**, מען איז יא מחלל.

איז איין זאך לויבן, ס'איז זיכער, **אם באמת צריך אנו שמחללין עליו את השבת**, דעמאלטס דארף מען דאך מחלל שבת זיין.

**פון זיבן טעג ביז שלשים**

### Speaker 1:

אה, וואס טוט זיך פון נאך זיבן טעג, **משבעה ועד שלשים**, וואס ס'איז די גדר פון **חולה שאין בו סכנה**? דאס הייסט, מען מעג טון מלאכות דרבנן. אפילו אויב ער איז נישט צריך אנו, איז ער **עושה מלאכה על ידי גוי.**

**הלכה יד: עושין מדורה לחיה**

### Speaker 1:

זאגט ער ווייטער די הלכה, די הלכה גייט דאך גיין אויף אלע חולים. א חיה, ווייטער חיה, ווייל מ'רעדט נאך אינמיטן די חיה, איז **עושין מדורה לחיה**, מען מעג אנצינדן א פייער פאר א יולדת, **אפילו בימות החמה**, אפילו ווען ס'איז זומער. **צינה קשה לחיה בהרבה מקומות הקרים**, אין פלעצער וואו ס'איז קאלט, אפילו ווען ס'איז זומער, ס'איז נאר אביסל קאלט, די ביסל קאלט שאדט פאר א יולדת. דאס הייסט, אויסער די הלכה וואס אונז האבן שוין געזאגט אז מ'טוט אלעס, זאגט דא די הלכה, זאלסט וויסן אז דאס איז א וויכטיגע זאך, מאכן ווארעם. **אבל אין עושין מדורה לחולה לחממו בה,** פאר א חולה שאין בו סכנה, אביעסלי, מיין איך, מאכט מען נישט קיין פייער, דאס הייסט נאר דורך א גוי. אפילו א חולה שיש בו סכנה, ווייל דאס איז נישט... א חיה האט א פראבלעם אז זי ווערט מצטנן, באלד וועלן מיר זען אויב ס'איז יא, וואס מ'מאכט יא. אבער א נארמאלע חולה האט נישט די פראבלעם, ווייל דאס איז א חוסר פיקוח. פשטות, איך מיין, ס'איז א פאקט פון...

**דיון: צי רעדט דער רמב"ם פון חולה שיש בו סכנה אדער חולה שאין בו סכנה?**

### Speaker 2:

דירה, איך מיין, ווענדט זיך, ס'גייט אריין אזוויי אלע חולים. אויב ס'איז וויכטיג, אויב דער דאקטאר זאגט אז ס'איז וויכטיג, אדער דער חולה זאגט... איך ווייס נישט דא, ער רעדט דא ווען מ'ווייסט נישט.

### Speaker 1:

ער זאגט דא כללים פון ווען איז יא אדער נישט וויכטיג צו מאכן א פייער. איך מיין, אנדערע זאגן אז ער רעדט טאקע פון א חולה שאין בו סכנה, וואס איז פאני, ווייל א חולה שאין בו סכנה טוט מען גארנישט, דורך א גוי.

### Speaker 2:

דורך א גוי מעג מען, יא, איך ווייס נישט, א חולה שאין בו סכנה, איך מיין, וואס העלפט?

### Speaker 1:

ער זאגט אז ס'העלפט נישט. די הלכה אין עני קעיס זאגט אז ס'העלפט נישט.

### Speaker 2:

יא, די הלכה איז נישט אזוי שטארק א הלכה אין הלכות שבת, ס'איז א הלכה פון מעדיצינישע עדוויס.

### Speaker 1:

וואס די חכמים זאגן ווען איז יא אדער נישט וויכטיג א מדורה. סתם פאר א חולה איז נישט וויכטיג א מדורה, אבער א מין חולה וואס איז מקיז דם און איז נצטנן און געווארן פארקילט נאך א הכזת דם, מעג מען יא, ווייל דעמאלט איז די מדורה דירעקט מקושר מיט די רפואה, ווייל ער איז נצטנן. די ווארימקייט וועט אים העלפן, מעג מען אפילו בתקופת תמוז, אפילו ווען ס'איז הייס.

**הלכות שבת – פיקוח נפש בשבת (המשך)**

**רחיצת הוולד בשבת**

### Speaker 1:

אקעי, ס'איז נאכנישט געזאגט, ס'זאגט א גאנצע צייט די יולדת, וואס איז מיט די קינד אליין? די קינד אליין איז אויך עפעס א גדר סכנה.

**מרחיצין את הולד בשבת ביום שנולד, דאכתיב "ואת מולידותיך ביום הולדת אותך לא כורת שרך ובמים לא רוחצת למשעי", מעג מען וואשן די קינד, אפילו מחממין לו חמין בשבת.** מ'מעג מחמם זיין, מ'מעג גיין אנווארעמען.

די לשון איז אביסל אינטערעסאנט, **ומולחין אותו**, מ'זאלצט די קינד. וואס דארף דאס מיינען מולחין אותו? נישט קיין... ער זאגט דא וואס זאכן וואס

מ'טוט, איך ווייס נישט. זאלצן איז לכאורה נישט קיין... ס'וואלט געווען א שבות, ווען נישט פאר שבות דסכנה וואלט עס געווען אסור. אקעי.

ווען זאלצט מען מענטשן? איך ווייס נישט, ס'איז דא א איסור פון זאלצן מענטשן? איך ווייס נישט. אפשר מ'דארף מאכן... די חידוש איז אנדערש, מ'קען מאכן די זאלץ, מ'דארף ברענגען די זאלץ פון א רשות הרבים וכדומה. פארשטייסט? די ווארט איז, דאס איז אלעס זאכן וואס פעלט אויס.

איך טראכט אפשר אז דאס איז אלעס אין די מרחיצה, מ'וואשט אים מיט זאלץ וואסער, ס'מאכט זיך שכל, מ'נוצט זאלץ אין די... ניין, די גמרא זאגט עפעס א לשון פון וועגן די וואשן, די וואנע קומט מיט זאלצן און נאכדעם מלפפין. מ'מעג טון די פראסעס פון וואס מ'טוט צו א נייע בעיבי פון וואשן און אלעס וואס איז בכלל מסתעף מיט די וואשן. אזוי וואלט איך פארשטאנען די מולחין ומלפפין אותו. ס'איז דאך שוין מלפפין אים, מ'וויקלט אים איין.

**לא שכיחא הוא, אם לא ידעו הכל.** די אלע זאכן איז א סכנה, און די חכמים זאגן אונז, אויב דו ווייסט נישט וואס איז וויכטיג פאר א קינד, די זאכן זענען א סכנה.

**וכן מרחיצין אותו לפני המילה, אי, ולאחר המילה? מיום שלישי למילה.** די דריי צייטן מעג מען... מיר האבן שוין געלערנט די הלכות מילה, **מטה לדיחוי וחמין בשבילו בשבת**, אין איזה עסקנות. אקעי.

### אשה שמתה על המשבר – סי-סעקשאן בשבת

## Speaker 1

שוין, די גמרא ברענגט ווייטער, וואס טוט זיך אזוי? **אשה שישבה על המשבר**, זי איז געגאנגען האבן א קינד, **ומתה**, איז זי געשטארבן נאך פאר די קינד איז ארויסגעקומען, איז די קינד דאך יעצט אין א גרויסע סכנה. אבער אונז ווייסן נישט, די קינד איז נאך נישט קיין געבוירן קינד, ווער זאגט אז אויף דעם איז דא א דין פיקוח נפש?

זאגן אונז אז דאס הייסט אויך פיקוח נפש, **מביאין סכין בשבת, אפילו דרך רשות הרבים, וקורעין את כריסה ומוציאין את הולד.** מען מאכט א סי-סעקשאן ארויסצונעמען די קינד.

אף על גב אפשר די קינד איז געשטארבן, די מאמא איז געשטארבן, איז דאך מעגליך אז די קינד איז שוין אויך געשטארבן, אבער **שמא ימצא חי**, ס'איז דאך דא טשאנסעס אז די קינד איז זיין לעבעדיג. מעג מען עס טון, ווייל **ספק נפשות דוחה את השבת.**

און אפילו ס'איז נאר א חזקת חי, אה, די קינד האט דאך נאך נישט קיין חזקת חי, די גמרא גייט דאך אריינווארפן אין אראנדעס. א געוועהנליכע חולה זאגן אונז אז ער לעבט, אבער ער האט דאך נאך קיינמאל נישט געלעבט, אפשר אויף דעם הייסט עס בכלל נישט פיקוח נפש. אבער ניין, ס'איז אויך סכנת נפשות, און מען מעג אויף דעם מחלל שבת זיין. אקעי.

### דער באגריף פון "פיקוח נפש"

## Speaker 1

יעצט קענען מיר לערנען וועגן פיקוח נפש. ביז יעצט האבן מיר געלערנט וועגן סכנת נפשות, יעצט קענען מיר לערנען וואס הייסט פיקוח נפשות.

אהא, סכנת נפשות איז ווען ס'איז שוין עסטעבלישט, ス'איז דא א חולה און מ'דארף טון זאכן. דא שטייט זיך אומקוקן, צו ס'איז דא סכנת נפשות. אה, ס'קען זיין אז ס'איז שוין דא, אבער מ'סעיפט די מענטש.

אבער פיקוח איז א לשון פון זיך אומקוקן, אזוי ווי די לשון ראיה, "פקח עיניך וראה" וואס רבי יצחק האט געזאגט. זיך אומקוקן, משגיח זיין אויף די מצב פון מענטשן בשבת, אויף די מצב פון סכנת נפשות.

### אין צריך ל��טול רשות מבית דין

## Speaker 1

**והעוסקין בפיקוח נפש בשבת, ואין צריך ליטול רשות מבית דין, והמקדים להציל את הנפש הרי זה משובח.** מ'דארף נישט פרעגן רשות פון בית דין.

און ס'איז דא גאר א גרויסע... מיר זעצן זיך אריין אין הלכות שבת, האבן מיר דא א דין בית דין דייקא. ער מיינט צו זאגן פרעגן א חכם צו דאס איז באמת פיקוח נפש. איי, וואלסטו געמיינט. ער זעט אויס ווי א קנאי, א רשע, א בייזער. נישט טאקע, ער איז בייז, ער מיינט אז מ'זאל נישט פרעגן א חכם די עקביות המידה, מ'זאל נישט אפשאצן צו ס'איז בגדר פיקוח נפש. יעדע זאך וואס זעט אויס ווי פיקוח נפש מעג מען טון.

דאס איז נישט די ווארט. די ווארט איז, ער גייט דיך טון אן עבירה, רייט? פריער איז דאך דא א חולה ספק טמא, דאס איז נישט די שאלה. דעמאלטס איז מען יא דא אין געוויסע קעיסעס אומד און אזוי ווייטער.

מבקר פיקוח נפש מיינט, ס'זעצט זיך אריין א יונגערמאן אין זיין הצלה טרעקל, און ער פארט צום פלאץ וואו ס'איז געשען עפעס אן עקסידענט. וואלסטו געקענט מיינען, דו טוסט דאך יעצט א חילול שבת, על הצד אז ס'טרעפט איינער וואס מ'ראטעוועט. וועסטו פרעגן, גוט, מ'באקומט רשות, מ'באקומט א לייסענס.

דער תירוץ איז, מ'דארף נישט קיין לייסענס. נאר וואס דען, פארקערט, מ'מאכט דעם מציל את הנפש א רוצח משולח. ווי פריער מ'לויפט איז בעסער, קיין צייט.

### פורש מצודה להציל תינוק

## Speaker 1

**ראה תינוק שנפל לים, פורש מצודתו**, מעג מען אויסשפרייטן א נעץ אים ארויסצונעמען.

אגב, דער עצם אויסשפרייטן א נעץ איז נאכנישט קיין חילול שבת. אוודאי איז עס צד. ניין, צד איז דאך נישט אויף א קינד. ס'איז איינע פון די מיני ניצוד, דאס איז נישט די אלפא בית פון צד דא, גמרא. אפילו דעמאלטס ווערט אויך געפאנגען פיש, ווייל דאס מאכט נישט אויס, אגב, דאס איז בסך הכל א דבר שאינו מתכוון, אדער א דבר שאינו צריך לגופו.

### שלושה קעיסעס פון מצודה

## Speaker 1

אקעי, ווייל די זעלבע סיבה איז א הלכה, **שמע שטבע תינוק בים**, ער האט געהערט אז א קינד האט איינגעזונקען אין ים, **ופרש מצודתו להעלותו**, ער האט אריינגעלייגט א מצודה, א נעץ, צו כאפן דעם קינד. וואס איז געשען איז **והעלה דגים במקומו**, ער האט נישט געטראפן דעם קינד, און ער איז צוזאמען ארויסגעקומען מיט אסאך פיש. **פטור מכלום**, ס'איז בכלל נישט קיין איסור, ווייל ער האט עס געטון, אזיווי דו האסט פריער געזאגט, ער האט עס געטון ברשות, ער האט עס געטון פאר די סכנה. יא.

ווייטער, **נתכוון**, וואס טוט זיך אזא פאל? א מענטש איז געגאנגען, ער האט אריינגעווארפן א מצודה אין ים ווייל ער האט געוואלט כאפן פיש, און ער האט **נתכוון להעלות דגים**, און צו זיין מזל האט ער געראטעוועט א קינד. איז ער אויך פטור.

**אפילו לא נתכוון**, וואס ער האט געטון איז אינגאנצן געווען אן איסור. ער האט געוואלט עובד זיין אויף צד, ער איז געגאנגען כאפן פיש. ער איז טאקע געווען, ער האט געכאפט פיש. **אפילו לא נתכוון**, אפילו ער האט נישט געהערט בכלל אז א יונגל איז נהרג געווארן, אבער **הואיל והעלה בידו תיקון**, איז ער פטור. יא, ווייל פקוח נפש האט אים מתיר געווען.

דאס איז אן אינטערעסאנטע הלכה. ס'איז דא אין דעם א מחלוקה אין די גמרא, ס'איז אן אינטערעסאנטע חקירה, אזוי ווי איינער וואס האט זיך מתכוון געווען לעשות איסור, און ס'איז אים געלונגען אז די מעשה איז געווען א מצוה גאר. איז דער רמב"ם פסק'נט אז ער איז פטור. אקעי.

### נאך דוגמאות פון פיקוח נפש

#### נפל תינוק לבור

## Speaker 1

נאך א דוגמא פון... ס'איז דא נאך דוגמאות פון... יא. **נפל תינוק לבור**, א קינד איז ארייגעפאלן אין א בור, **עוקר חוליא ומעלה**, מעג ער אפילו... ער דארף זיך עוסק זיין אין די בור, מעג ער אפילו א וועג וויאזוי צוצוקומען צו די קינד איז ער וויל אויסרייסן א שטיק פון ערד פון לעבן די בור, למשל, צו קענען צוקומען צו די קינד, און מעלה ארויסנעמען די קינד. **אע"פ שמתקן מדרגה בשעת הקריעה**, אפילו ווען ער טוט דאס, פיקסט ער די בור, ער מאכט אז ס'זאל זיין א וועג אראפצוגיין, מעג מען.

**ננעלה דלת בפני תינוק**

### Speaker 1:

די זעלבע זאך, **ננעלה דלת בפני תינוק**, די קינד איז געווארן איינגעשפארט, **שוברה הדלת ומוציאו**. מעג מען צוברעכן די טיר און אים ארויסנעמען.

אגב, וואסערע איסור איז צוברעכן די טיר? **אע"פ שמפסל עץ לעשות כלים למלאכה**. דאס הייסט, אגב, ווען ער צוברעכט די טיר, טוט ער דאך אויך מיט דעם עפעס א מלאכה פון אנגרייטן אז די טיר זאל יעצט ווערן העלצער וואס מען קען נוצן צו ארבעטן.

מעג מען עס אבער עניוועי טון, ווייל ס'איז דא אן ענין פון סכנה, **שמא יבעת התינוק וימות**. אפשר די קינד וועט זיך דערשרעקן פון זיין אליין וימות. אן אינטערעסאנטע זאך, ער וועט שטארבן פון שרעק. דו זעסט דא אז מ'קען שטארבן פון שרעק. דו קענסט נישט וויסן, א קינד אליין אין די צימער, גיי ווייס וואס ס'האט געשען. די מאמע האט זיך געשטארבן פון שרעק.

דאס הייסט, אפילו דא האסטו א שטיקל איסור, ס'איז נישט קיין ממש בונה, אבער די צוברעכן א דלת איז אויך נאר... ס'איז דאך נישט קיין עכטע איסור, אבער דאך, די דברים המותרים, איז נישט משום פקוח נפש, נישט משום קלות האיסור. מ'וועגט עס אפילו אפ קעגן א געהעריגע דאורייתא.

די איסורים וואס ער רעדט, לאמיר אננעמען אז ס'איז דאורייתא, מ'דארף קוקן אין הלכה פונקטליך וועלכע איסור איז טאקע געווען. ווייל ער פרעגט דאך יתכן, איך האב דאך נישט איינעם מתכוין, און ער מיינט דאך צו מאכן א תירוץ. אקעי, אבער ס'איז אפשר א פסיק רישא. בקיצור, ס'איז נישט קיין חילוק, מ'דארף שוין ארייננקומען אין די חקירות וואס איז די חילוק צווישן מתעסק און מתכוין.

**דליקה — לעשן א פייער**

### Speaker 1:

נאך אזא דליקה, ס'איז געשען א פייער, אפשר איז דא א מענטש וואס איז חשוד אז ער איז אין שמורת סביב. ס'איז דא דארט א מענטש, און די פלאץ וואס ס'איז דא די דליקה איז דא א מענטש, און מ'האלט אים חושד אז ער איז דארט פארברענט. **מכבה את הדליקה**, מ'מעג אויסלעשן די פייער, **להצילו**, כדי צו קענען ראטעווען דעם מענטש. **אפילו שיכבה בדרך ומסכן עצמו בשעת כיבוי**, אפילו ער טוט עס בשעת כיבוי, ער מאכט רשות הרבים, ער טוט אנדערע תיקונים, אויך איז נישט קיין חילוק.

**וכל הקודם להציל**, ווער ס'איז שנעלער צום הציל זיין, **הרי זה משובח. ואינו צריך ליטול רשות מבית דין בכל דבר שיש בו סכנה.**

**דער באדייט פון "רשות מבית דין"**

### Speaker 1:

די לעצטע זאך איז לכאורה נישט נוגע אויף שבת, **אין יעדער זאך וואס ס'איז דא א סכנה**. ער זאגט דאך אנדערע איסורים. איך מיין בכלל, אין די אלע הלכות, איז דא די ווארט אז ווען ס'רעדט זיך פון פקוח נפש דארף מען קיינעם נישט פרעגן רשות. ער חזר'ט עס נאכאמאל איבער, ער האט שוין גערעדט אנפאנג פון די הלכה. אקעי.

ס'איז אינטערעסאנט די רשות מבית דין, מ'דארף קוקן אין די גמרא, ווייל די ווארט דאך נישט, געווענליך בית דין'ס זענען די דזשאב צו טון זאכן וואס מ'דארף האבן א בית דין, קנס, איך ווייס. דא דארף די עיקר ווארט אז א חכם זאל אים באשטעטיגן אז דא איז דא א חשש. דאס איז די עיקר ווארט, אז מ'זאל נישט פרעגן. דאס איז וואס ער מיינט בית דין, דאס איז לכאורה וואס ער מיינט.

אבער די לשון, א רשות מבית דין, ס'הערט זיך אויף מער ווי א מין היתר השררה, מ'זאל ממנה זיין די וואס געבן זיך אפ מיט הצלה מעמבערס. עקזעקטלי. דא שטייט אז מ'איז נישט ממנה מענטשן צו זיין הצלה מעמבערס. יעדער איינער, אויב ער זעט אז ער קען ראטעווען, זאל ער ראטעווען.

פארקערט, ווי מיר האבן פריער געלערנט אז מ'זאל ממנה זיין דווקא אנשים גדולים כדי ס'זאל נישט ווערן שבת קהל, האט מען אויך געטראכט אז ווען ס'איז געשען א שעת הסכנה דארף מען ווארטן ביז די בתי דינים זאלן זאגן נישט קינדער, נאר פארקערט, דעמאלט דארף מען נאר גיין ווי שנעלער. אקעי.

יעצט קען מען זען וועגן סופר. ווען ס'איז פריער געשטאנען אז ס'זאל דווקא טון א גדול, איז ער נישט געווען לפיכך דער ערשטער מענטש. אן ערשטער מענטש זאגט ער איז נישט א גדול, דער ערשטער מענטש איז חלק פון די שבעת ימי בראשית.

**הלכות פיקוח נפש: ספיקות, קביעה ורוב, והמהלך במדבר**

**הלכה יח: מי שנפלה עליו מפולת — ספק חי ספק מת**

דא שטייט אז מ'איז נישט ממנה מענטשן צו זיין א הצלה מעמבער. יעדער איינער, פארקערט ווי מיר האבן פריער געלערנט אז מ'איז יא ממנה דווקא אנשים גדולים כדי ס'זאל נישט ווערן שבת קל, האט מען אויך געטראכט אז ווען ס'געשעט א חשש סכנה דארף מען ווארטן ביז די בית דין זאגן נישט קינדער נאר... פארקערט, דעמאלטס דארף מען יא גיין ווי שנעלער.

אקעי, יעצט וועגן וואס מיר האבן פריער געשטאנען אז ס'זאל דווקא טון א גדול, איז ער נישט געווען להוציא דער ערשטער מענטש. א ערשטער מענטש זאגט ער נישט א גדול, דער ערשטער מענטש איז כולל צו א פרוי צו א מאן. איי, יעצט איז דא א חולה, די שאלה איז ווער זאל אים אפשערן, נישט קיין איינער וואס איז ארייגעפאלן אין א לאך, דארף מען זיך זוכן. דא רעדט מען פון א בהלה, דער ערשטער מענטש זאל לויפן. דארט רעדט מען פון, אלעס איז רואיג, ס'איז נאר א מצב פון איין זאך. אדער קען זיין, דארט רעדט מען ווען מ'איז יא ממנה, אויב מ'מאכט יא א מיטינג ווער זאל עס טון, זאל מען נישט נעמען די פרוי, נאר מ'זאל נעמען די גדול. דא זאגט מען אז ווען ס'איז א מצב און מ'יאגט זיך צו ראטעווען, זאל טון די ערשטע, זאל גיין די ערשטע טון.

אקעי, יעצט גייען מיר צו די הלכות ספיקות. זאגט דער רמב"ם אזא הלכה: **מי שנפלה עליו מפולת**, א מענטש איז ארויפגעפאלן אויף אים א מפולת, א שוואכע בילדינג, א שווערע הייזקע איז ארויפגעפאלן אויף אים. אבער אונז ווייסן נישט צו דער מענטש האט זיך געראטעוועט און אנטלאפן. ס'איז א תלוי אין די לשון, ווייל "נפלה עליו מפולת" פארציילט אפשר די מעשה אז ס'איז אויף איינעם געפאלן. ס'קען זיין "נפלה עליו מפולת" מיינט אויף די בעל הבית, א מענטש האט א הויז און די הויז איז אים צוזאמגעפאלן. אונז ווייסן נישט צו ס'איז דא דארט א מענטש אונטער דעם. **ספק שהוא חי ספק שהוא מת, מפקחין עליו**, דארף מען אויפהייבן די שטיינער צו טשעקן צו ס'איז דא דארט א מענטש.

**מצאוהו חי**, וואס טוט זיך? מ'האט טאקע אזוי געטון, מ'האט אויסגעגראבן די שטיינער, מ'טרעפט דארט א לעבעדיגן מענטש. **ואף על פי שהוא מרוצץ**, אפילו מ'זעט אז דער מענטש איז נעבעך געווארן אינגאנצן צוקלאפט אויף שטיקלעך, וואס אפשר איז ברור אז ער גייט נישט קענען סורוויוון, זאגט מען נישט אז פיקוח נפש איז נאר ווען מ'קען אים ראטעווען, און דא גייט ער דאך עניוועי שטארבן. נאר **מפקחין עליו**, דארף מען ווייטער זיך אפגעבן מיט אים, טון וואס מ'דארף טון, **ומצילין אותו, לחיי שעה**, אויף ווי לאנג ער קען נאך לעבן זאל מען טון וואס מ'קען טון אז ער זאל נאך לעבן. ער האט לעבן נאך אפאר מינוט. דאס זאגן אונז די רמב"ם איז א גרעסערע הלכה ווי די פאריגע. דארט האבן מיר געלערנט פיקוח נפש, סכנת

נפשות, מיינט נישט נאר אויב ער קען לכבוד דעם האבן א גוט לעבן, נאר אפילו א שטארקע חולה, אפילו חיי שעה.

יא. אבער **בודקין עד חוטמו**, אויב מ'האט אנגעהויבן מפקח זיין דעם גל, אראפנעמען די שטיינער, און מ'איז אנגעקומען ביז חוטמו, ווייל מ'האט געוואלט זען אויב ער האט נאך נשימה, מ'האט געזען אז די כלל פון יענע הלכה וויאזוי צו קובע זיין אויב א מענטש לעבט נאך איז דורך טשעקן צו ער אטעמט, מ'האט געטראפן אז ער האט מער נישט קיין נשימה, ער האט מער נישט קיין אטעם, ממילא האט ער אויך נישט קיין נשמה. נשמה איז טייטש אטעם, נישט נשמה.

אויב ער האט נישט קיין אטעם, איז **מניחין אותו**, דעמאלטס לאזט מען אים יא אפ, **שאינו כבר מת**. טייטש, כבוד המת, אדער אפשר דא לאמיר זאגן א ווייטער ווייטערדיגע ספק, אקעי, אז דער וואס איז זיכער ספק, דארט איז ספק אז ער לעבט נישט, אבער דער וואס איז נישט, למשל אז דער... כבוד המת אדער וואס? יא. שוין, **מניחין אותו**, לאזט מען אים אפ, **שאינו כבר מת**.

**הלכה יט: עליונים ותחתונים — לא יאמרו כבר מתו התחתונים**

וואס טוט זיך אז ס'איז דא מערערע מענטשן? **בודקין ומצילין את העליונים**, מ'האט אויפגעראבן די ערשטע ביסל פון די מפולת, און די מפולת איז צוזאמגעפאלן. ווילסט איבערנעמען אביסל? אדער איך שפרינג אין טייך דא עפעס?

**לא יאמרו**. ס'איז א שאלה פון פיקוח נפש, ס'איז א שאלה פון כבוד המת. **בודקין ומצילין את העליונים**. קיצור, דאס איז אלעס הלכות הצלה. מ'זאגט פאר די מענטשן וואס גייען צו די מפולת וואס זיי זאלן טון. אבער ס'איז אויך נוגע הלכות שבת. ווען מ'גייט פון אויבן, מ'זעט די אויבערשטע מענטשן, די העכערע שטאק, איך ווייס וואס, די העכערע מענטשן איז שוין טויט. זאל איינער פון די מענטשן זאגן, איז דאך א קל וחומר, אויב די אויבערשטע מענטש איז שוין טויט, איז די אונטערשטע זיכער אויך טויט, האט די אונטערע נאך שטיינער צו וואס איז געפאלן. זאגט די משנה, **לא יאמרו כבר מתו התחתונים, אלא מפקחין את הכל, שאפשר במפולת שיומשך אוויר חלל**, ווי איך האב דיר געטראכט, וויסן זאלסטו, אז ס'מאכט זיך, ס'קען זיך מאכן אז ס'איז דא עפעס א ספעיס אסאך מאל. ס'קען זיין אז די העכערע שטאק איז געשטארבן, און די אונטערע לעבט מען נאך, ממילא. און מען האלט אז מ'איז מחויב ומותר אפילו שבת צו גיין אראפנעמען ווייטער שטיינער צו טשעקן אויב אונטער איז דא אפשר א לעבעדיגע מענטש. דאס איז אפילו ס'איז א ספק אויב ס'איז דא דארט מענטשן, אדער א ספק אויב די מענטשן לעבן נאך.

**הלכה כ-כא: ספק ישראל ספק גוי — קביעה ורוב**

יעצט איז דא א נייע סייד ספק: ספק איז דא גויים אדער אידן. **"או חצר שיש בה גוים וישראל"** — ס'איז דא א געגנט, א חצר, וואס דארט איז דא גוים און א איד. **אפילו ישראל אחד ואלף גוים**, מ'האט געלערנט אז מ'איז נישט מחלל שבת. אבער דא ווייטער איז דא אזוי די הלכה, אז דא שטייט די הלכה אז מ'גייט נישט נאך רוב. באלד וועלן מיר זען וואס דער רמב"ם האלט אויף אנדערע אופנים. אבער אפילו ס'איז דא איין איד און טויזנט גוים, **"ונפל עליהם מפולת, מפקחין עליהם את הגל מפני ישראל"**, ווייל איין איד קען דאך זיין א ספק אז מ'גייט טרעפן דעם איד.

וואס מיינט דאס? סכנה, א ספק, מיינט אפילו א ספק פון איינס אין טויזנט. מ'האט מיר געוויזן אז פריער האט ער געזאגט אז... דאס הייסט, מ'גייט נישט נאך רוב אין אזא קעיס. מ'גייט נישט פשוט נאך רוב, ווייל ס'איז נישט אין אזא קעיס.

אבער זאגט דער רמב"ם אן אנדערע הלכה: **"פרש אחד מהם לחצר אחרת"**. וואס איך מיין צו זאגן איז, וואס טוט זיך אויב איינס פון טויזנט מענטשן שטארבן פון די מחלה? דאס איז זיכער... די וועג פון טראכטן אין נאמבערס איז א היינטיגע וועג, און איך האב נישט קיין ספק אז מ'קען שטארבן אפילו איינס פון צען מיליאן שטארבן פון די מחלה, איז דא א סכנת נפשות.

הייסט, **"פרש אחד מהם לחצר אחרת ונפלה עליו אותה חצר"** — דאס הייסט, נישט נאר, נישט א קביעות, דאס הייסט נישט אין די חצר וואינט איין איד צווישן טויזנט גוים. איין מענטש פון די חצר איז געגאנגען צו אן אנדערע חצר, און דארט איז עס געפאלן. ווייטער, מ'פארעקט נאר. פארוואס? **"שמא זה שפרש הוא ישראל, ואין אומרים גוים הרי הם בחזקתם"**. דאס איז די דין פון "כל דפריש מרובא פריש". אבער דא זאגט מען דאס נישט. לגבי די נפשות זאגט מען נישט דאס, נאר מ'טשעקט עניוועיס, אפשר איז פונקט דער איד געגאנגען.

דאס הייסט, דער דין "כל דפריש מרובא פריש" איז טאקע א דין לגבי אנדערע הלכות, אבער ס'זאגט נישט אז ס'איז מער נישטא קיין שום חשש, קיין שום ספק. ס'איז נאך אלץ דא עפעס א ספק, און ממילא זאל מען מחלל שבת זיין.

רייט, אבער אין די נעקסטע קעיס זאגט דער רמב"ם יא, גייט נאך רוב. יעצט, ס'איז דא איין מאל וואס מ'גייט יא נאך רוב. זאגט דער רמב"ם, **נעקרו כולם מחוץ לעיר**, נישט איין מענטש איז געגאנגען וואס דו קענסט זאגן אז אפשר איז דער איד געגאנגען, דער גאנצער עולם איז ארויסגעגאנגען פון איין חצר צו איין חצר אויפן וועג, **ובשעת הקריסה פירש אחד מהם ונפל לעובד ואין ידוע מי הוא, דעמאלטס אין מפקחין עליו.**

**ביאור שיטת הרמב"ם: קביעה גובר אויף רוב**

און דער רמב"ם איז מסביר, פארוואס איז דער פריערדיגער קעיס, ווען זיי זענען אלע געוועזן אין איין פלאץ, איז געגאנגען איין מענטש, האבן מיר געזאגט אפשר איז דער איינציגסטער איד? אבער ווען זיי זענען אלע אויפן וועג און איינער איז געגאנגען, זאגן מיר אז מ'גייט יא נאך רוב און מ'טשעקט נישט, ווייל מסתמא איז ער א גוי? **"שכיון שנעקרו כולם אין כאן ישראל קבוע, וכל הפורש מהם כשנכנס לעיר הולכין אחריו בחזקת שפירש מן הרוב"**. דאס איז דאך א כלל, כל דפריש מרובא פריש. און דער יוצא מן הכלל פון דעם איז בקביעה. אויב מ'קוקט אין איין הויז למשל, און מ'וויל וויסן צו דארט איז דא א ישראל אדער א גוי, אדער א כשר אדער א טמא, זאגט מען נישט רוב. רוב ארבעט נאר ווען ס'גייט ארויס פון א זאך. די כל דפריש איז נישט ממש א רוב, כל דפריש ארבעט נאר ווען ס'איז ארויסגעגאנגען פון עפעס. אבער אין איין פלאץ זאגט מען נישט, ווייל תחזוקה דארט, תחזוקה דארט איז א איד, דו ווייסט אז ס'איז נישטא א איד, תחזוקה דארט איז א איד.

סאו דער רמב"ם איז מסביר, די פריערדיגע הלכה וואס ער זאגט פירש אחד מהם, איז ווייבאלד דער איד איז געוועזן קבוע באותה חצר, קענסטו נישט זאגן אפשר איז נישטא קיין איד, תחזוקה דארט איז יא א איד. אבער אויב זיי זענען אלע אויפן וועג, דעמאלטס איז מסתמא דארט נישטא קיין איד, ווייל זיי אלע גייען, און ממילא דעמאלטס גייט מען יא נאך רוב. וואס דער רמב"ם'ס שיטה און דאס איז דער כלל איז, אז אין פיקוח נפש גייט מען יא אחר הרוב. נאר דאס וואס ס'שטייט אז אפילו ישראל אחד בין אלף גוים דארף מען מחלל זיין, דאס איז פשט דער דין פון קביעה, וואס קביעה איז גובר אויף דער דין פון כל דפריש.

פרעגט זיך דער רמב"ם, אבער א מינוט, ווייל דער פריערדיגער פירש, הייסט עס נאך אלץ א קביעה? יא, ווייל ס'איז פירש ממקום קביעה, ס'איז נישט א פירש... אבער ווי איז דער ספק? דער ספק געשעט דא אין דער נייער חצר. יא, דארף מען חוקר זיין אין די חקירות פון דארט. דאס איז די שיטת הרמב"ם. פרעגט זיך מהו על ישראל אפילו שנעקרו כולם, בזה שפירש אחד מהם מחוץ לעיר ונפל לעובד? ווייל די גאנצע סיבה פארוואס דארט איז אנדערש איז ווייל ס'איז א רוב גוים, אבער אויב ס'איז טאקע אידן איז אוודאי, דאס איז א ספק, דאס איז א ספק נפשות, איז אוודאי דארף מען אים מחלל זיין. דאס איז די שיטה פון דער הייליגער רמב"ם. אקעי, קענסט, אנדערע מפרשים זענען מחולק, דער ראב"ד איז מחולק, און אנדערע, מ'דארף מדייק זיין די הלכות, אבער אונז קענען נישט יעצט אריינגיין, אונז

האבן נישט אביסל לאנג געלערנט די פרק. איז דאס איז די הלכה פון פיקוח נפש.

**הלכה כא: המהלך במדבר ואינו יודע מתי יום השבת**

יעצט קען מען לערנען נאך אפאר הלכות וואס האבן צו טון מיט די נושא פון פיקוח נפש. אבער ס'איז נישט דווקא אן ענין פון פיקוח נפש. למשל, אן אינטערעסאנטע הלכה, וואס טוט זיך ווען א מענטש ווייסט נישט ווען ס'איז שבת? שבת איז געגעבן געווארן אין מדבר אין מרה, און ס'איז נישט געווען דארט קיין זייגער. לאמיר זען וואס ס'שטייט. א מענטש גייט אין מדבר, **"ההולך במדבר ואינו יודע מתי יום השבת"**, ער האט פארלוירן די קאונט פון צייט, ער ווייסט נישט וועלכע טאג איז שבת. איז וואס, מ'קען זאגן אז ער זאל יעדן טאג היטן שבת? איז אזוי: **"מונה מיום שטעה ששה"**, זאל ער ציילן פון די טאג וואס ער איז טועה געווען, ווען ער האט פארלוירן זיין קאונט, זאל ער פון דעמאלטס אנהייבן ציילן זעקס טעג, **"ומקדש שביעי"**, די זיבעטע טאג זאל ער רוען, און יענע טאג זאל ער מאכן שבת, לגבי אויך ברכת היום. נאר לגבי דעם וועלן מיר זען. ער מאכט ברכת היום, דאס הייסט ער זאגט "מקדש השבת", און ער איז מבדיל במוצאי שבת.

**"ובכל יום ויום"**, און יעדן איינציגן טאג, **אפילו ביום זה שמקדש ומבדיל בו**, אפילו די טאג וואס ער מאכט קידוש און הבדלה, **"מותר לו לעשות כדי פרנסתו בלבד כדי חייו"**. דאס הייסט אזוי, איינער וואלט ווען געזאגט אז אלס חשש חילול שבת זאלסטו יעדן טאג היטן שבת. אבער אויב ער וועט היטן יעדן טאג שבת וועט ער קיינמאל נישט ארבעטן, וועט ער דאך שטארבן פאר הונגער, ווייל ער וועט נישט קענען רייסן קיין פרוכט וכדומה. זאגט מען אז יעדן טאג מעג ער טון כדי פרנסתו, און איין טאג, כדי איין טאג זאל האבן עפעס אן ענין פון קדושת השבת און ער זאל מקיים זיין די מצוה פון קידוש והבדלה, האט מען געזאגט אז אויסער די וואס ער טוט נאר די מינימום אויף צו לעבן, זאל ער אויך איין טאג פראוועןן שבת. אבער דו זעסט אז דער רמב"ם ברענגט עס דא בעיקר אין הלכות פיקוח נפש, ווייל דאס איז די הלכה, אז א מענטש וואס איז א ספק שבת, דארף ער יעדן טאג מאכן אז עס איז א ספק דאורייתא, אבער פיקוח נפש איז דאך יעדן טאג מותר. איי, איז די טענה זאגן, אפשר זאל מען טון איין טאג צוויי, און ווייל ס'איז נישט קיין חילוק, ווייל פיקוח נפש איז דאך מותר שבת. אויב א מענטש האט נישט וואס צו עסן און ער מוז מחלל שבת זיין, איז דאך מותר אפילו אין שבת. און די מינוט וואס מ'האט אפגעמאכט איין טאג, זאל מען האבן די פולע שבת עקספיריענס, כאילו מ'געבט נישט.

**הלכות שבת פרק ב — המהלך במדבר וסכנת נפשות דרבים**

**סיכום דין המהלך במדבר**

### Speaker 1:

רייט, אבער דו זעסט אז דער רמב"ם ברענגט עס דא בעיקר אין הלכות פיקוח נפש, ווייל דאס איז די הלכה אז א מענטש וואס איז א ספק שבת, דארף ער יעדן טאג מאכן ספיקא דאורייתא, אבער פיקוח נפש איז יעדן טאג מותר.

איי, טענה'ט ער, אפשר זאל ער טון איין טאג צוויי, ווייל ס'האט נישט קיין חילוק, ווייל פיקוח נפש איז דאך מותר שבת. אויב א מענטש האט נישט וואס צו עסן און ער מוז מחלל שבת זיין, איז ער מותר אפילו אין שבת.

און די מינוטן זאל מען אפגעמאכט איין טאג וואס מען זאל האבן די פול שבת עקספיריענס, כאילו מען געט אים נישט א קידוש און הבדלה, ווייל ער טוט נישט לכל הפחות יענע טאג נישט טון קיין מלאכה. מען האט נישט דאס אפגעמאכט. מען האט אפגעמאכט... מען האט אפגעמאכט... סתם, וואס דער ענין א ספק. עיקר ענין א ספק. דאס איז סתם אן אנדערע דין.

יא, ווייל... אזוי קומט אויס די הלכה. ס'איז בעקווארדס. לאמיר לערנען ווי דער עמלעקט אריין אין די קאנטעקסט. ס'איז בעקווארדס. יעדן טאג איז א ספק. שבת, ווייל יעדן טאג טוען קיין נפש. מעג. איז שום טאג וואס דעי טאג טוען מער. עס זאגן, היינטל איך טוען מער, ווייל אפשר ער ושיין. איך מעג נישט! איך מעג נישט טוען היינט מער, ווייל אפשר איז שיין. עס מעג נישט טוען מער פון קיך נפש. מער וותקי נפשות.

גראדע איז דא א זייטיגע דינקל אז מען מאכט עס ווי א זכר פאר שבת, אדער אז ער מאכט עס יעדן זיבן טאג, זאגט א קידוש. יענט איז נישט קיין דין פון סלקי נפש, יענט איז סתם א דין פון דעם עקסטרע דין בית נעצמא. אבער יענט איז נישט דיק.

יעדע, שיום שמינו לצייתו, אויב ווייסט ער אז היינט איז דער אכטער טאג פון ווען ער איז ארויסגעגאנגען, אדער היינט איז דער פיפצעטער טאג פון ווען ער איז ארויסגעגאנגען, איז די איין טאג וואס ער ווייסט נישט, וואס סוי ווייסט אז ס'איז זיכער נישט שבת, ער איז אייער מוטה לאחסות כל מלכה בעושר איום, יענע טאג קענען טון אלע מלכות, שריי הדבר ודאי של יצא בשערה בשבת, ס'איז ווייסט אז זיכער יענע טאג זענען נישט ארויסגעגאנגען ביים שבת, ער איז שער איום, חוץ מיום זעה, עושר כדאי פאר נסתא בלבד, נאמען עס איז אינטערעסאנט, ווייל אויב האט ער איין טאג וואס איז מוטה, קען ער דיך טון כדאי פאר נסתא יענע טאג, ס'איז שוין קען קאכן און אנגרייפן דיר איין טאג זאל ער טון אלע מלכות, אויב ער קען, אפשר זאל ער אפשר קען ער נישט?

ער זעט עפעס אויס א מיטאמאטיק געווען. ער דארף נישט טון אזוי. ער דארף נישט לעבן די אומבאקוועם אז איין טאג זאל ער קאכן פאר אלע אנדערע טעג. אפיש אויב ער דאס דארף, דארף, יא. אויב ער קען, דארף ער. אויב ער קען נישט, קען ער נישט.

עניוועיס, עד כאן הלכות סם ההולך במדבר. אויב מען זאל פרובירן, אויב מען גייט אין מדבר, מיטצונעמען עפעס אזא גוטע זאך, צו וויסן וואס אין שעת הצורך זאל נישט זיין קיין וועג.

**הלכה כב: גוים שצרו על עיירות ישראל**

### Speaker 1:

אקעי. יעצט קען מען לערנען נאך, אביסל נאך הלכות פון וואס הייסט פיקוח נפש, רייט? פון וויפיל הייסט סכנת נפשות.

### Speaker 2:

גוים. אפשר מער פיקוח נפש דרבים, עפעס אזוי, א ענין פון סכנה פאר די ציבור.

### Speaker 1:

איז אזוי, **גוים שצרו על עיירות ישראל**, גוים וואס זיי נעמען ארום, "צרו" מיינט זיי באלאגערן א אידישע שטאט, און זיי ווילן האלטן מאכן מלחמה. איז אזוי, **אם באו על עסקי ממון**, אויב זיי זענען געקומען פאר געלט, זיי ווילן גנב'ענען געלט, טאר מען נישט וועגן געלט טאר מען נישט מחלל שבת זיין. מ'טאר נישט אנהייבן א מלחמה, מ'טאר נישט אנגיין א מלחמה צו ראטעווען די געלט.

איין זאך, מ'טאר נישט מחלל שבת זיין, מ'טאר אויך נישט אנגיין א מלחמה. מ'טאר נישט אנגיין א מלחמה אפילו אויב ס'איז נישט קיין חילול שבת די מלחמה.

### Speaker 2:

ניין, ניין, שבת, שבת. אין די וואכן'ס מעגסטו וואס דו ווילסט.

### Speaker 1:

ניין, ניין, מ'רעדט פון שבת. אפילו אויב די מלחמה איז נישט קיין דירעקטע חילול שבת, א מלחמה איז פלוצלינג זיי גייען אריין און אפשר גייט מען הרג'ענען איינעם און אזוי ווייטער. אבער די רגע וואס ס'איז דא א מלחמה, איז דאך דא פיקוח נפש. זיי הייבן נישט אן די פיקוח נפש, אקעי.

**דין עיר הסמוכה לספר**

### Speaker 1:

אבער **בעיר הסמוכה לספר**, א שטאט וואס איז נאנט צו די גרעניץ, **אפילו לא באו אלא על עסקי קש ותבן**, אפילו זיי קומען נאר פאר נאך שוואכער

ווי עסקי ממון, קנאפע עסקי ממון, זיי קומען גנב'ענען קלייניקייטן, דעמאלטס **יוצאין עליהם בכלי זיין ומחללין עליהם את השבת**, מעג מען יא פייטן מיט זיי און מחלל שבת זיין.

ווייל דאס איז אפשר אן ענין פון אפהיטן ארץ ישראל? ניין, ווייל דאס איז א פיקוח נפש דרבים פון די לאנד. די גוים וועלן איינגעמען די ערשטע שטאט, אפילו זיי האבן א תירוץ פון נפשות, פון נאר לענין ממון, מארגן איז עס צוביסלעך, דאס איז א סכנה פאר די לאנד.

אזוויי מיר האבן געלערנט אין הלכות עיר הנדחת אן ענליכע הלכה, אז א שטאט וואס איז ביי די גרעניץ איז נישט קיין עיר הנדחת. ניין, ווייל ס'איז דא נאך א קושיא, ס'ווערט גרינגער פאר זיי צו קובש זיין די גרעסטע פון די לאנד.

אדער אן ענין פון משום ארץ ישראל, ס'איז א פלא הוטער? ניין, ס'איז נישט קיין מעדזשיק הוטער. די ענין איז פיקוח נפש. פיקוח נפש איז אבער פשוט, ווייל אויב דאס איז אן אנהייב פון א כיבוש, א גמירת דעת פון מלחמה, גייט ער זיך נישט דא ענדיגן. מארגן גייט ער דאך וואוינען דא, גייט ער גיין צו די נעקסטע, גייט ער גיין איינגעמען. ס'איז סכנת נפשות עס.

**חידוש: פיקוח נפש איז נישט נאר "היינט"**

## Speaker 1:

איך וואלט געזאגט, אפשר איז עס נישט סכנת נפשות די שבת, אבער ס'איז אויף די גרעסערע פיקטשער. יעצט קומט ער פאר עסקי רשות, און ער ווערט דא צו נאנט, ער ווערט דא א מחותן, און מארגן וועט ער קומען מלחמה האלטן. יא, און דאס איז אויך סכנת נפשות.

מיט אלע הלכות סכנת נפשות וואלט עס געווען אזוי. קיין איין הלכה וואס מ'האט געלערנט אין די פרק רעדט זיך נישט ווען מ'גייט שטארבן היינט. אויב מ'גייט שטארבן היינט, דאן איז פשוט. לאמיר זאגן א מענטש, אויב ער גייט וועגן זייער אסאך גייט ער שטארבן. סאו יעדע פונט וואס ער לייגט ארויף איז א סכנת נפשות. אבער דאס וואלט נישט געווען סכנת נפשות. אבער אין די לאנג ראן, אין די ביגער פיקטשער איז עס א סכנה. ווער ווייסט דאס? אבער דאס איז אויך אפשר אן ענין פון סכנה פון די רמב"ם.

**מצוה על כל ישראל לעזור**

## Speaker 1:

אבער אויב איז א מצב סכנה, דעמאלט זאגט דער רמב"ם, דעמאלט איז **מצוה על כל ישראל שכולם לבוא**, יעדער איד וואס קען קומען איז א מצוה **לצאת**, ארויסגיין. ס'פשט ארויסגיין? ער וועט מסתמא פילן די שטאט מיט כלים, **ולעזור לאחיהם שבמצור, להצילם מן הגוים בשבת**.

וואס זאלן מיר אים לאזן פארמאכן? מ'טאר נישט ווארטן ביז מוצאי שבת. וואס דא וועט זיין א מלחמה, זאלן מיר גיין בשבת?

זאגט דער רמב"ם א נייע הלכה, אן אינטערעסאנטע הלכה. ס'איז אן עקסטערע מצוה, חוץ פון דעם וואס ס'איז א היתר פון שבת, ס'איז אויך א חיוב. מיר מוזן גיין. א מצוה פון זיך אנגעמען פאר אידן, אן ענין פון פיקוח נפש, אדער אפשר איז עס מער ווי פיקוח נפש, ס'איז די מלחמה האלטן פאר אידישע אינטערעסן, פאר דעם פאלק.

**הלכה: חזרה בכלי זיין — כדי שלא להכשילם לעתיד לבוא**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם אזא חידוש פון אן הלכה, וואס איז גראדע אסאך נוגע. אויב א מענטש גייט ראטעווען, איז וואס טוט זיך ווען ער האט שוין געענדיגט ראטעווען?

זאגט דער רמב"ם אזוי: **כשיצאו החיים** — אויב די מענטשן גייען ארויס מיט זייערע כלי זיין צו מלחמה האלטן, וואס טוט זיך ווען ס'איז שוין געענדיגט? **מותר להם לחזור בכלי זין שלהם למקומם בשבת**. זאגט מען ערשט, אז ווען זיי ענדיגן טון די מלאכה וואס איז מותר, זאלן זיי איבערלאזן די כלי זיין און מער נישט טראגן. זיי מעגן אויך נישט מחלל שבת זיין אויף זייער וועג צוריק. **כדי שלא יכשילם לעתיד לבוא**.

פארוואס? ווייל מיר האבן מורא, אויב וועלן מיר זאגן אז נאכדעם קען מען נישט מחלל שבת זיין ווען מ'האט שוין געענדיגט, וועט ער נעקסטע מאל נישט וועלן גיין ראטעווען אידן, ווייל ס'האט אים געקאסט די כלי זיין, און בכלל, ער איז געווען סטאק דארט.

**אדאפטעד פאר אלע ענינים פון הצלת נפשות**

## Speaker 1:

צו די הלכה, דא שטייט די גאנצע מלחמה, אבער מ'האט עס אויך אדאפטעד פאר אלע אנדערע ענינים פון ווען ס'איז דא הצלת נפשות. אז א איד גייט ארויס פאר א חולה, מעג ער צוריק אהיימגיין. דער רמב"ם זאגט עס נישט אזוי קלאר, ער זאגט עס לענין מלחמה, אבער דער געדאנק פון "כדי שלא יכשילם לעתיד לבוא" גייט ארויף אויף יעדער פיקוח נפש.

אויב מיר ווייסן אז למשל, דער הצלה מעמבער וועט נישט קענען אהיימגיין אין שבת פון שפיטאל, וועט ער אפשר נעקסטע שבת נישט וועלן גיין. מעג מען גיין, כדי שלא יכשילם לעתיד לבוא.

**מ'רעכנענט זיך מיט דעם מענטש'ס שוואכקייט**

## Speaker 1:

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל בסך הכל רעכנענען מיר זיך דא מיט זיין שוואכקייט. ס'טאקע אזוי, אויב וואלט ער געקענט אהיימגיין אזוי, אויב איז דא א איד אין א סכנה, וועט ער נעקסטע מאל אויך גיין. פיקוח נפש איז פיקוח נפש. אבער מיר ווייסן דאך אז אפשר וועט ער נעקסטע מאל טראכטן מער. ס'איז נישט אזוי. מ'פארשטייט נישט, ער דארף דאך זיין אין שבת. ס'איז נישט יעדע וואך, ס'איז נישט אזא זאך. מ'רעדט פון מענטשן, מ'רעדט נישט פון...

**הלכה כד: ספינה המטורפת, עיר שהקיפה נהר, יחיד הנרדף**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **וכן כל דבר שיש בו סכנת נפשות** — וואס מ'מעג טון שבת פאר א סכנה. **ספינה המטורפת בים** — א שיף וואס ווערט צעשאקלט אין ים, **או עיר שהקיפה נהר** — א שטאט וואס איז געווארן פארפלייצט, נישט נאר גוים, אפילו ס'איז א סכנה פון א נאטורליכע סכנה, ווי א גרויסע פארפלייצונג, א שטורעם. **מצוה לחלל עליה את השבת ולהצילם בכל דבר שיכול להצילם**. זאל מען גיין ראטעווען די מענטשן וואס מ'קען.

**ואפילו יחיד הנרדף מפני הגוים** — אן אנדערע פאל, א איד ווערט גע'רודף'ט דורך גוים, **או מפני שונא הרודף אחריו להרגו**. איינער וואס ווערט נרדף פון א ספעציפישער רודף וואס וויל אים הרג'ענען, **מצוה להצילו**, מעג מען טון שבת אלעס אים צו ראטעווען, אפילו בסיעתא דשמיא מלאכות בשבת, אפילו מ'דארף טון מערערע מלאכות, אפילו לסכן כלי זיין להצילו מעג מען.

**זועקין ומתחננין בשבת — אבער נישט על הדבר**

## Speaker 1:

**וזועקין עליהם**, חוץ פון דעם וואס מ'גייסט, מ'מעג טון מחלל שבת זיין, איז דאך אויך דא א הלכה, איך מיין אז ס'האט אפשר אביסל געהאט אין הלכות תפילה, א שבת בעט מען נישט, מ'מאכט נישט קיין זאכן, מ'בעט נישט אויף זאכן וואס זענען אין צער, מ'פאקוס'ט נישט אויף די צרכים בשבת, "שבת היא מלזעוק" שטייט אין די משנה, שבת שרייט מען נישט.

אבער ווען ס'איז א פאל אז ס'איז דא א סכנה, דעמאלטס מעג מען יא שרייען און מאכן תפילות, **זועקין ומתחננין בשבת, ומתריעין עליהם לעזר אותם**. מתריעין מיינט מ'מעג בלאזן שופר אדער מודיע זיין דעם עולם זיי זאלן גיין העלפן, ביידע זאכן מעג מען.

**חילוק צווישן "מתריעין" און "זועקין"**

## Speaker 1:

די בלאזן איז נישט לתפילה, ס'איז דא בלאזן לתפילה, וואס מ'בלאזט לתפילה ביי תענית בלאזט מען שופר, אבער דאס טוט מען נישט שבת. מ'איז סתם זועק, מ'מאכט אן עצרת תפילה אפילו שבת, אויב וואס ס'רעדט זיך דא איז א סכנה, סכנת נפשות, נישט סתם א חולה וואס מ'בעט אויף אים, "עליהם" איז די לשון, אויך אויף די יחיד לכאורה, אבער עליהם אויף די דערמאנטע מענטשן וואס זענען אין סכנה.

אויף א סכנה, אבער בלאזן בלאזט מען נישט נאר, מ'בלאזט וואס איז פארט פון העלפן, ס'הייסט היינט די הצלה סיירען, איך ווייס נישט וואס, ס'העלפט, ס'ברענגט צוזאם דעם עולם.

**פארוואס נישט ביי דבר (מגיפה)?**

### Speaker 1:

אבער **ואין מתחננין ולא זועקין על הדבר בשבת**, אויף א מגיפה, אפילו ס'איז אויך א סכנה, ס'איז נישט אזא גרויסע סכנה. ס'זעט מיר אויס אז די זאכן וואס מ'איז זועק בשבת איז נאר וואס ס'הייסט "עקיוט", ס'איז ממש, ס'שטייט יעצט א גוי אינדרויסן, מ'דארף עפעס טון, דעמאלטס דאווענט מען אפילו שבת.

אבער ס'איז א מגיפה, מ'שטארבט נישט "דעי סעקונד", ס'איז א פראבלעם, מ'מאכט אן עצרת תפילה, א תענית, אבער נישט אין שבת, דו קענסט עס מאכן זונטאג, מאנטאג.

**אפשר איז "זועקין" א הכנה צו "מתריעין"**

### Speaker 1:

ס'קען אפשר זיין אז די זועקין ומתחננין איז כדי דער עולם זאל עס נעמען גענוג ערנסט, ס'איז אלץ א הכנה צו די מתריעין. מה שאין כן אין אן אנדערע זאך וואו ס'איז נישט נוגע די מענטשן'ס העלפן, טוט מען נישט, ווייל דו קענסט עס פועל'ן מוצאי שבת, ס'איז נישט אזוי מעורר צו זיין רחמי שמים.

קענסט מעורר זיין רחמי שמים דורך היטן שבת? זאגן "רבונו של עולם, איך גיי גארנישט דערמאנען די צרה, העלף יודן אין זכות פון שבת".

מ'רעדט דאך דא מיט'ן אייבערשטן.

**הלכות מלחמה בשבת — צרים על עיירות של גוים**

**המשך: מעורר זיין רחמי שמים בשבת**

### Speaker 1:

משא"כ א דבר וואס איז נישט נוגע די מענטשן'ס העלפן, טוט מען נישט, ווייל דו קענסט עס פועל'ן מוצאי שבת.

אבער איך וועל דיר זאגן, מעורר זיין רחמי שמים, קענסטו נישט מעורער זיין רחמי שמים דורך אידן שבת? זאגן, "רבונו של עולם, איך גיי גארנישט דערמאנען די צרה, העלף אידן אין זכות פון שבת." מ'רעדט דאך מיט'ן אייבערשטן. ס'קען זיין די זאכן אליינס איז כדי צו מאכן אן "אורדזשענסי" אז די פאלק זאל זיך אויפוועקן. מעג מען סיי בלאזן די אלארמס און סיי אנאנסן א יום תפילה. אבער עפעס וואס גייט נישט העלפן מענטשן'ס "עווערנעסס", ווייל ס'איז א דבר, ס'איז נישט עפעס וואס ליגט אין זייערע הענט, אזוי טראכט איך איז אפשר פשט.

### Speaker 2:

דאס איז א שיינע פשט.

---

**הלכה: צרים על עיירות של גוים שלשה ימים קודם לשבת**

### Speaker 1:

אקעי, נאך איין הלכה וועגן מלחמה אין שבת. וואס טוט זיך אז ס'איז דא א מצב אז מ'דארף מאכן א מלחמה? ס'איז דא א מלכות ישראל וואס ווייל מאכן א מלחמה. פריערדיגע הלכות האבן מיר נישט געדארפט קיין מלך ישראל, ס'איז אלעמאל א גוי געקומען. דארט האט מען געווארט ווען א גוי קומט.

אבער דא רעדט מען פון א מלחמה "ביי טשויס", דער ראש הממשלה מאכט אז ער וויל מאכן א מלחמה. איז די שאלה, וויפיל דארף ער זיך רעכענען מיט שבת?

די הלכה איז, **"צרים על עיירות של גוים שלשה ימים קודם לשבת"**. דריי טעג פאר שבת זאגט מען אז מ'זאל עס נישט טון. הייסט, מ'טאר נישט גיין צור זיין אויף אן עיר של גוים פרייטאג. אבער דריי טעג פאר שבת, איז מילא, זיי האבן א האפענונג אז די אידן וועלן זיין גענוג געראטן און ס'וועט זיין א שנעלע זעקס-טאג מלחמה נאך פאר שבת.

**דער טעם: מפני הבהלה**

ס'איז דא שטייט מער, ער ברענגט די לשון פון רמב"ם שפעטער, אז ס'איז נישט וועגן חילול שבת. חילול שבת מעג מען, אבער ס'איז **"מפני הבהלה"**.

שוין, מ'וועט שוין זען. **"ומפי השמועה למדו"** אז מ'מעג מאכן מלחמות אפילו בשבת. די חידוש איז אפשר, די חידוש איז אז שבת זאל מען זיין די התחלה. אויב מ'קען, מ'רעדט דאך אויף אן אופן וואס מ'קען "טשוזן" א צייט, זאל מען נישט "טשוזן" אז ס'זאל זיין ערב שבת, ווייל די עולם איז מבולבל, זיי דארפן זיך האבן אפילו אין די מלחמה...

**פשט אין "מפני הבהלה"**

"מבולבל" מיינט פראקטיש, נישט וועגן די הלכה, נישט וועגן "שמא ירפו ידיהם". יא, וועגן שבת. וועגן שבת, אפילו... מ'קען דאך מודיע זיין אז מ'מעג. די שאלה איז נישט דאס. אפילו אין א מצב מלחמה, אויב מ'קען, דארף מען מאכן אז ס'זאל זיין אביסל שבת'דיג. נישט אז שבת סעט מען אויף די "סיעדזש", איך ווייס נישט וואס די אלע זאכן, די "אפסעט". זאל נישט זיין אויפגעסעט, שבת זאל שוין זיין רואיג. דאס איז דער וואס עס שטייט דא פון די רמב"ם שפעטער. ווייל די ערשטע פאר טעג אין א מלחמה, איז זייער טריד. עס פאסט נישט אז שבת זאל זיין זייער טריד. ס'איז נישט קיין חששי חילול שבת. חילול שבת מעג מען. אבער די ווארט איז, כדי מ'זאל... איך האב געמיינט פארקערט, ווייל זיי זאלן נישט טון קיין גוטע מלחמה. קיין גוטע מלחמה. זיי וועלן נישט טון קיין גוטע מלחמה, ווייל זיי זאלן טראכטן פון שבת. ניין, מען זאלן נישט קיין פראה'ן. מען טוט מלחמה אין שבת הלכה'דיג. אבער שבת זאל מען האבן אביסל מנוחה. אויב מען קען. יא.

**נאכדעם וואס מען האט אנגעהויבן — אפילו בשבת**

נאכדעם וואס מען האט אויפגעסעט דריי טעג פארדעם, זאגט דער רמב"ם, דעמאלסט, עושין מלחמה אפילו בשבת, **עד שכובשין אותה**, ביז מען האט געענדיגט איינגענומען די שטאט, מעג מען אפילו בשבת. **"מפי השמועה למדו, אפילו מלחמת הרשות"**, מעג מען טון אין שבת.

**דער מקור: כיבוש יריחו**

ווי ווייסט מען די הלכה? זאגט דער רמב"ם, מיט די הלכה האבן ארויסגעלערנט מיט פי השמועה, עס טייט שוין א הלכה למשה מסיני. מען האט עס ארויסגעלערנט פון די ווארט **"עד רדתה"**, וואס שטייט ביים כובש זיין ארץ ישראל. אפילו בשבת. וואס? אז דער חזוק שטייט ביי יהושע, און אין אויגן נעטשט די רשות פאר א הלכה למשה מסיני. האט דער הלכה האבן געטייטשט אויף **"עד רדתה"** — אפילו בשבת. ווייסט צו רחמנות, **"ולא כבש יהושע את יריחו אלא בשבת"**. פשוט טעם מ'קען אפילו שבת. ווי לכבוד שישוריכו עלא בן שבת. די תקובת שריכו עס פארשטייט סקיין זיבן טעג, און עס איז דער טאג ביים בלאזן שופרות. ווייל מלחמה געלערנט אז זיבעטע איז א ביי דער וואס איז דער זיבעטער טאג. אבער דער זיבעטער טאג איז שבת. סאוי, יריחו וואס איז געווען די השכלה פון כיבוש ארץ ישראל איז געווען שבת. פון דעם זעט מען אז די מלחמה איז דוחה שבת.

**א פשוט'ע סברא**

איך פשוט, ווייל שטעל דערפאר אז די אידן זענען שלוחים שבת. יעדער גוי וויסן, אז שבת קען זיי געווינען. קען דאך שוין זיי פירן די וועלט. סאוי, מ��חמה מעג מען מאכן נאך שבת.

שוין עדכן פרק. וועלכע פרק? בית? פרק ווי אזעלכע שבת.

Generated by Shiur Upload Automation